בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה**

**תשפ"ה**

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ אַז דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א זָאל מִיר יָא זָאגְן?..................א

מֶעג אִיךְ אוֹיסְהֶערְן אַ מַשְׁפִּיעַ אָן בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת?..................................ג

אִיז מֶעדִיטַאצְיֶע אוּן מֵיינְדְפוּלְנֶעס מֶעטָאדְן אוֹיסְגֶעהַאלְטְן?....................ה

זָאל מֶען דֶערְצֵיילְן פְּרִיוַואטֶע זַאכְן פַאר אַ גוּטֶער חָבֵר?.........................ט

מֶעג מֶען לֶערְנֶען אִין דִי פְרֵייעֶ צַייט בַּיי דִי אַרְבֶּעט?..............................יא

אִיבֶּערְלָאזְן מַיין מַאמֶע, צוּ פָארְן אוֹיף אוּמַאן ראֹשׁ הַשָּׁנָה?......................יב

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק..............................................א

חַס וְשָׁלוֹם וַוייזְן פַאר קִינְדֶער קְלִיפְּס אוּן וִוידִיאוֹס..............................ג

אַז דִי וַוייבּ צָארְנְט, אִיז גוּט צוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת....................................ה

פוּן זִיךְ פַארְדוּפְן אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד, דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט........................ה

בַּאשֶׁעפֶער זִיסֶער הֶעלְף מִיר, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין פְּלָאנְטֶער ..................ו

גוּטֶע גֶעפִיל, גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן וַוייזְן אִינְטֶערֶעס ...................................ח

פַארְוָואס אִיז דָא וֵוייניִג שִׁידוּכִים? ...............................................ט

אֱמוּנָה הֵיילְט, אֱמוּנָה בַּארוּאִיגְט, עֶס נֶעמְט אַרוֹיס אַלְטֶע וֵוייטָאג .......................י

וָואס זִיךְ מְקַבֵּל זַיין עֶס זָאל זִיךְ אָנְהוֹיבְּן הַצְלָחָה?................................יא

זָאגְן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַארְן מְלַמֵד אוּן מְנַהֵל.........................................יא

אִיךְ וַואְרט צוּ הֶערְן פוּן דִיר ................................ יב

מֶען אִיז נִישְׁט קַיין רַחְמָנוּת, אוֹיבּ מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט קִינְדֶער ................ יג

זִיךְ יֶעדְן טָאג אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער בַּיים בֶּעט ................................ טו

דוּ דַארְפְּסְט בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַאר דַיין וַוייבּ ................................ טו

הָאבְּן סַבְלָנוּת צוּ דִי עֶלְטֶערְן פוּן דִי תַּלְמִידוֹת ................................ יז

גֶעבּ נִישְׁט אוֹיס גֶעלְט פַאר טַייעֶרֶע מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת ................................ יח

בַּאשְׁטִימֶען יֶעדְן טָאג צְוֵויי מִינוּט צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ................ יט

וִוי וָואלְטְן מִיר אוֹיסְגֶעזֶען אָנֶעם רֶבִּי'ן ................................ כ

אָפְּגֶעטֵיילְט דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי שְׁטוּבּ ................................ כ

זִיךְ אַיינְקוֹיפְן אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן ................................ כא

אַ שָׁאד אָפְּצוּלָאזְן אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ ................................ כב

אַ גֶעפִּיל צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה ................................ כב

דֶער עִיקָר מְחִיַּת עֲמָלֵק אִיז דוּרְךְ שִׂמְחָה ................................ כג

וֶוען אִיךְ הָאבּ אַ בִּזָיוֹן, בִּין אִיךְ מַזְכִּיר עֶנְקֶערֶע נֶעמֶען ................................ כד

אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער, וֶועט אַוֶועקְנֶעמֶען דִי קְרִיגֶערֵייעֶן ................................ כה

וִויפִּיל טְרִינְקְט מֶען אוּם פּוּרִים? ................................ כה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א זָאל מִיר יָא זָאגְן ?

**שְׁאֵלָה :**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר רַאטֶעוֶועןְ מַיין לֶעבְּן מִיטְן זָאגְן כְּסֵדֶר וִוי אַזוֹי אַ אִיד דַארְף זִיךְ פִירְן צוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן וֶועגְן דַאוֶוענֶען אִין צַייט [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו]. אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ עֶפֶּעס אִיבֶּערְפְרֶעגְן? אִיךְ פְרֶעג נִישְׁט לְקַנְטֵר, אִיךְ דַארְף נָאר וִויסְן וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ טוּן אִין לֶעבְּן.

עֶס שְׁטֵייט דָארְט: "מֵילָא בַּעֲלֵי מָרָה שְׁחוֹרָה, אָבֶּער טֵייעֶרֶע אַבְרֵכִים וִוי דוּ", עֶס זֶעט אוֹיס וִוי בֵּיידֶע טוּעֶן דִי זֶעלְבֶּע אוּן פַאר אֵיינֶעם זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א יָא, אוּן פַאר אֵיינֶעם נִישְׁט, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זַיין פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וֶועם דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט יָא?

מַיין גַאנְצֶע קוּק אִיז אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין פוּן דִי וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט שׁוֹין נִישְׁט וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה :**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי - אִיז גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, אַ אִיד מוּז דַאוֶוענֶען אִין צַייט, דִי שְׁפֶּעטְסְטֶע צַייט אִיז חֲצוֹת, נָאךְ חֲצוֹת אִיז גֶעעֶנְדִיגְט, מֶען קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען נָאךְ חֲצוֹת. לְכַתְּחִילָה דַארְף מֶען דַאוֶוענֶען פַאר סוֹף זְמַן תְּפִלָּה, אוּן אַז מֶען אִיז אַן אוֹנֵס - קֶען מֶען דַאוֶוענֶען בִּיז חֲצוֹת, בִּפְרַט בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים דַארְפְן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ - דַאוֶוענֶען, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל דַאוֶוענֶען פְּרִי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לא).

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; פַאר דֶער וָואס וִויל הֶערְן זָאגְט מֶען. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סה:): "כְּשֵׁם שֶׁמִּצְוָה עַל אָדָם לוֹמַר דָּבָר הַנִּשְׁמָע, כָּךְ מִצְוָה עַל אָדָם שֶׁלֹּא לוֹמַר דָּבָר שֶׁאֵינוֹ נִשְׁמָע", עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ זָאגְן פַאר דֶער וָואס וֶועט אָנְעמֶען, אוּן אַז מֶען וֵוייסְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט נִישְׁט אָנֶעמֶען - זָאל מֶען נִישְׁט זָאגְן. אַזוֹי אוֹיךְ שְׁטֵייט אִין הֵיילִיגְן זוֹהַר (פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, רצח.): "זַכָּאָה מַאן דְּמַלִּיל עַל אִדְנִין דְּשַׁמְעִין" ווארוּל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט אוֹיף אוֹיעֶרְן וָואס הֶערְן; דַארְף מֶען אַלְץ זֶען מֶען זָאל זַיין גְרֵייט צוּ הֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אוּן גֵיין צוּם דַיָין'ס גְמָרָא שִׁיעוּר**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

עֶס טוּט מִיר וֵויי דִיךְ צוּ זֶען טָאג נָאךְ טָאג קוּמֶען נָאךְ חֲצוֹת דַאוֶוענֶען אָן קַיין מִנְיָן. עֶרְשְׁטְנְס זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז נָאךְ חֲצוֹת קֶען מֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען, עֶס אִיז בְּרָכוֹת לְבַטָּלָה, צְוֵוייטְנְס, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טְרַאכְטְן; אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה, אַז דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף שְׁפֶּעט, אָדֶער זָאל אִיךְ טְרַאכְטְן אַז דוּ גֵייסְט עֶרְשְׁט אַרַיין אִין אָפִיס אוּן שְׁפֶּעטֶער קוּמְסְטוּ אִין שׁוּל.

עֶס טוּט מִיר וֵויי, אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַזוֹיפִיל גֶעלֶערְנְט מִיט דִיר אִין יְשִׁיבָה

און דִיךְ חַתוּנָה גֶעמַאכְט מִיט אַן אֵיידֶעלֶע תַּלְמִידָה פוּן בֵּית פֵּיגָא; אִיז וָואס אִיז מִיט דִיר גֶעשֶׁען אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ אַזוֹי אוֹיף?

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ צוּרִיק בַּאנֵייעֶן, קוּמֶען אִין שׁוּל אִינְדֶערְפְרִי, אַ אִינְגֶערְמַאן וִוי דוּ דַארְף דַאוֶנֶען וָואס פְּרִיעֶר; שְׁפֶּעטְסְטְנְס אַכְט אַזֵייגֶער, און גֵיין צוּ דִי אַרְבֶּעט נַיין אַזֵייגֶער.

אִיךְ וִויל זִיךְ דֶערְקְוִויקְן, זֶען אִין דִי קַאמֶערֶע וִוי דִי אַבְרֵכֵי הַכּוֹלֵל לֶערְנֶען פְלַייסִיג, קוּק אִיךְ אִין דִי קַאמֶערֶע, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט מְחִיצָה בַּאקוּם אִיךְ וֵוייטָאג צוּ זֶען אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה קוּמֶען טָאג נָאךְ טָאג דַאוֶונֶען נָאךְ חֲצוֹת, טְרֶעטְן אוֹיף דִי הֲלָכָה מְפוֹרֶשֶׁת פוּן דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית אִין צַייט; מֵילָא בַּעֲלֵי מָרָה שְׁחוֹרָה וְכוּ׳, אָבֶּער טַייעֶרֶע אַבְרֵכִים וִוי דִיר - דָאס קֶען אִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען.

אִיךְ וִויל צְוֵויי זַאכְן פוּן דִיר, אֵיינְס דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן אַלֶע תְּפִלּוֹת שַׁחֲרִית וָואס פְּרִיעֶר, צְוֵויי, זָאלְסְט גֵיין צוּם דַיָין׳ס גְמָרָא שִׁיעוּר.

[...

### מֶעג אִיךְ אוֹיסְהֶערְן אַ מַשְׁפִּיעַ אָן בָּארְד און פֵּיאוֹת?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַפָּאר וָואכְן צוּרִיק בַּיי אַ שִׁיעוּר אַז מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן אַ מַשְׁפִּיעַ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין בָּארְד און פֵּיאוֹת.

וָואס טוּ אִיךְ אָבֶּער אַז אִיךְ קֶען אַ סְפַרְדִ'ישֶׁער מַשְׁפִּיעַ וָואס עֶר רֶעדְט זֵייעֶר גוּט, און אִיךְ הָאבּ חִיזוּק פוּן אִים? בַּיי זֵיי גֵייט מֶען אַזוֹי; וָואס טוּ אִיךְ, אִיךְ מֶעג אָדֶער נִישְׁט?

וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר זָאגְן, דָאס וֶועל אִיךְ טוּן, אָן קַיין חָכְמוֹת.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס מֵיינְסְטוּ צוּ זָאגְן אַז בַּיי זֵיי גֵייט מֶען אַזוֹי, אָן בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת? בַּיי דִי סְפַרְדִים גֵייט מֶען אָן בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת? וָואס רֶעדְסְטוּ?! בִּיז אַפָּאר יָאר צוּרִיק אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ אַז אַ סְפַרְדִי'שֶׁער אִיד זָאל אָנְרִירְן בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, דִי טֵייעֶרֶע סְפַרְדִי'שֶׁע אִידְן הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן זִיךְ שְׁנֵיידְן בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, דָאס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּיי אַשְׁכְּנַזִּים, וֶוען דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע הַשְׂכָּלָה הָאט דָאס אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט, בַּיי דִי סְפַרְדִי'שֶׁע אִידְן הָאט מֶען גֶערוּפְן דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת דִי סִימָנִים פוּן אַ אִיד.

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן אוֹיסְהֶערְן תּוֹרָה הַשְׁקָפָה וְכוּ' פוּן אֵיינֶעם וָואס נֶעמְט אַרָאפּ דִי בָּארְד, בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אִיז דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט. מוֹהַרְנַ"תְּ שְׁרַייבְּט פֵייעֶר, (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת גִילּוּחַ הֲלָכָה ג', אוֹת ב): "עִקַּר הַדָּת יִשְׂרָאֵל וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אִיז אַן עִיקָר פוּן אַ אִיד אוּן פוּן דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, "וּבָהֶם נִכָּר הַיְּהוּדִי כִּי הוּא מִזֶּרַע בֵּרַךְ ה', מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל", אוּן מֶען דֶערְקֶענְט אַ אִיד דוּרְךְ זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אַז עֶר אִיז אַ אִידִישׁ קִינְד, "וּמִי שֶׁרוּחַ אַחֶרֶת עִמּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, וְרוֹצֶה לִכְפֹּר, חַס וְשָׁלוֹם, בֶּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל", אוּן וֶוער עֶס וִויל חַס וְשָׁלוֹם לֵייקֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "תְּחִלַּת הַכְּפִירָה הוּא, שֶׁמַּשְׁלִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מֵעָלָיו הַזָּקָן וְהַפֵּאוֹת", דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט - אַז עֶר נֶעמְט אַרָאפּ זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, "כִּי בֶּאֱמֶת כָּל דַּת יִשְׂרָאֵל הַקָּדוֹשׁ הוּא תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", וַוייל דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת; קוּק נָאךְ דָארְט מֶער בַּאֲרִיכוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## איז מֶעדִיטַאצְיֶע און מֵיינְדְפוּלְנֶעס מֶעטָאדְן אוֹיסְגֶעהַאלְטְן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין פְרַאגֶע אִיז עֶפֶּעס וָואס אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק אַקְטוּעֶל הַיינְטִיגֶע צַייטְן, און אִיךְ שְׁפִּיר אַז דִי שְׁאֵלָה און תְּשׁוּבָה קֶען צוּנוּץ קוּמֶען פַאר טוֹיזְנְטֶער אִידְן אִיבֶער דִי וֶועלְט. אַנְטְשׁוּלְדִיגְט פַארְן מַאֲרִיךְ זַיין אִין דִי שְׁאֵלָה.

אִין דִי הַיינְטִיגֶע פַארְיָאגְטֶע און פַארְפְּלָאגְטֶע וֶועלְט, קֶען אַ מֶענְטְשׁ לַיידְן פוּן גֶעפֶערְלִיכֶע סְטְרֶעס, און צוּמָאל שְׁפִּירְט מֶען אַז מֶען אִיז מַמָּשׁ אִין אַ "גֶעפְּל" און אִין אַ "וָואלְקְן", מֶען הָאט עֶנְקְזַייעֶטִי און שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אָדֶער אֶה.סִי.דִי. און מֶען טְרֶעפְט נִישְׁט קַיין וֶועג וִוי אַזוֹי עֶס אָפְּצוּשְׁטֶעלְן.

אִיז פַארְהַאן אַ גֶעווִיסֶע מֶעטָאד, מֶען רוּפְט עֶס "מֶעדִיטַאצִיעֶ", וָואס אִיז זֵייעֶר אַ בְּרֵייטֶע און פַארְצְוַוייגְטֶע מֶעטָאד, עֶס הָאט פַארְשִׁידְנַארְטִיגֶע מְהַלְכִים, וָואס אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז נִישְׁט מְחוּיָב עֶס אוֹיסְצוּפָארְשְׁן און נָאכְגֵיין און גֶעבְּן אַ הֶכְשֵׁר אָדֶער פְּסוּל דֶערוֹיף.

אִיךְ רֶעד אָבֶער פוּן דִי שְׁטַארְק אוֹיפְגֶעכַאפְּטֶע סָארְט מֶעדִיטַאצִיעֶ, אָדֶער מִיט אִיר אַנְדֶערֶע נָאמֶען "מֵיינְדְפוּלְנֶעס", עֶס אַרְבֶּעט אַז מֶען זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ אוֹיף אַ רוּאִיגֶע אָרְט, מֶען מַאכְט צוּ דִי אוֹיגְן, מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן בְּלוֹיז פוּן דִי אָטֶעמֶען, מֶען אָטֶעמְט אַרַיין און אַרוֹיס, און מֶען קוּקְט נָאךְ דִי אָטֶעם. נָאךְ עֶטְלִיכֶע סֶעקוּנְדֶעס "בַּאטְרַאכְט מֶען" [מִיט דִי מֹחַ] דִי פִיזִישֶׁע 'דְרוּק' און 'סְטְרֶעס' אוֹיף דִי 'מוֹיל', 'צוּנְג', און 'אַקְסְלֶען', [עֶס קֶען גֵיין אוֹיךְ אוֹיף דִי דְרוּק פוּן דִי הֶענְט און דִי פוּס און דִי רוּקְן און צוּ שְׁפִּירְן וִוי דִי פוּס פְלַאכְן זֶענֶען אוֹיף דִי עֶרְד].

בִּשְׁעַת'ן בַּאטְרַאכְטְן דֶעם קֶערְפֶּער הֵייבְּט מֶען אָן נָאכְצוּלָאזְן דִי פִיזִישֶׁע דְרוּק און סְטְרֶעס אִין דִי דָאזִיגֶע עֶרְטֶער.

בִּשְׁעַת דִי מֶעדִיטַאצִיעֶ-מֵיינְדְפוּלְנֶעס אִיז מֶען אוֹיךְ "מַסִּיחַ דַּעַת" פוּן אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען צוּ פְלִיעֶן, מֶען קוּקְט עֶס אָן וִוי בְּלוֹיזֶע בַּאלוֹנֶען און וָואלְקֶענֶעס, און מֶען בְּרֶענְגְט צוּרִיק דִי מַחֲשָׁבָה, דִי פָאקוּס, צוּם אָטֶעם און קֶערְפֶּער.

דִי תּוֹצָאָה פוּן דִי מֶעדִיטַאצִיעֶ-מֵיינְדְפוּלְנֶעס אִיז, אַז נָאכְן זִיצְן אַזוֹי פַאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט, שְׁפִּירְט מֶען מַמָּשׁ וִוי מֶען "גְרַאוּנְדֶעט", מֶען קוּמְט מַמָּשׁ "אַרָאפּ" פוּן דִי גֶעפְּל און

מֶען טְרֶעפְט זִיךְ צוּרִיק אִין דִי "הוֹוֶה", אוּן מֶען וֶוערְט בֶּאֱמֶת אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ; אָן קַיין וִויץ.

דָאס הֶעלְפְט אוֹיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ זַיין בֶּעסֶער קָאנְצֶענְטְרִירְט אוּן רוּאִיג אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע שָׁעוֹת אוּן טֶעג נָאךְ דִי מֶעדִיטַאצִיעֶ-מַיינְדְפוּלְנֶעס, אוּן פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען אִיז מֶער פְּרָאדוּקְטִיוו, אוּן וָואס מֶען טוּט טוּט מֶען מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ אוּן מֹחַ.

הָאבּ אִיךְ יֶעצְט עֶטְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת אִיבֶּער דֶעם; אוֹיבּ מֶעדִיטַאצִיעֶ אוּן מַיינְדְפוּלְנֶעס אִיז בִּכְלַל אוֹיסְגֶעהַאלְטְן? אוּן מַיין שְׁאֵלָה אִיז, ווִי דֶערְמַאנְט, סְפֶּעצִיעֶל אִיבֶּער דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע סָארְט מֶעדִיטַאצִיעֶ. אוּן נִישְׁט אִיבֶּער דִי טֶעאָרְיֶע פוּן מֶעדִיטַאצִיעֶ אִין אַלְגֶעמֵיין, וָואס דָאס אִיז אַ שְׁמוּעֶס פַאר זִיךְ. אוֹיבּ מֶען מֶעג הֶערְן מֶעדִיטַאצִיעֶ אוּן מַיינְדְפוּלְנֶעס שִׁיעוּרִים פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט קַיין שׁוֹמְרֵי תּוֹרָה וּמִצְוֹת, אָבֶּער זֵיי גֶעבְּן דִי שִׁיעוּרִים אָנְלַיין, עֶס אִיז דָא צוּ בַּאקוּמֶען בְּחִנָּם אִין גְרוֹיסְן, פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז זֵיי רֶעדְן נִישְׁט קַיין כְּפִירָה וּמִינוּת אָדֶער שִׁיטוֹת אוּן דָאס גְלַייכְן, נָאר זֵיי זָאגְן אַ שִׁיעוּר אִין מֶעדִיטַאצִיעֶ-מַיינְדְפוּלְנֶעס, בְּלוֹיז "טְרַאכְט פוּן דַיין אָטֶעם, טְרַאכְט פוּן דַיין צוּנְג, טְרַאכְט פוּן דַיין מוֹיל, לָאז נָאךְ דַיין סְטְרֶעס", אוּן דָאס גְלַייכְן. אוֹיבּ מֶען מֶעג עֶס בִּכְלַל הֶערְן, וַוייל זֵיי זֶענֶען דָאךְ נִישְׁט קַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אַצִינְד וִויל אִיךְ בַּארִירְן מֶער אַ הַאקֶעלֶע זַאךְ אִין מֶעדִיטַאצִיעֶ. אִין דִי מֶעדִיטַאצִיעֶ אִיז דָא מֶעדִיטַאצִיעֶ שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל גֶעבּוֹיעֶט פַאר 'שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת', וָואס מוּטְשֶׁען אוּן פַּיינִיגְן דִי מֹחַ. אוּן דִי שִׁיעוּרִים לֶערְנֶען אוֹיס ווִי אַזוֹי צוּ "בַּאהַאנְדְלֶען" דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אַז קוֹדֶם לָאזְט מֶען נָאךְ דִי סְטְרֶעס אוּן נָאכְדֶעם "הַאנְדְלְט מֶען" מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת, מֶען זָאגְט פַאר דִי מַחֲשָׁבוֹת אַז זֵיי זֶענֶען וֶועלְקָאם אוּן מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט פַּיינְט, אָבֶּער מֶען גֶעבְּט צוּ פַארְשְׁטֵיין פַאר דִי מַחֲשָׁבוֹת (פַאר דִי אָה.סִי.דִי. מַחֲשָׁבוֹת), אַז זֵיי מַאכְן נִישְׁט 'גוּט' פַארְן מֶענְטְשׁ, נָאר פַארְקֶערְט. אִיז דִי שְׁאֵלָה אוֹיבּ דִי סָארְט מֶעדִיטַאצִיעֶ וָואס 'שְׁפִּילְן' זִיךְ מִיט מַחֲשָׁבוֹת זֶענֶען מֶער אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן מְסוּכָּן פַאר אַ אִיד ווִי דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע מֶעדִיטַאצִיעֶ וָואס מַאכְט נָאר "גְרַאוּנְדִינְג".

עֶס אִיז דָא וָואס זָאגְן אַז מֶעדִיטַאצִיעֶ אִיז אַ שָׁכֵן אָדֶער קָרוֹב מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, אִיז עֶס רִיכְטִיג אָדֶער סְתַּם אַ דִמְיוֹן? אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן עֶנְטְפֶערְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, כ"ט שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דִי בֶּעסְטֶע וֶועג צוּ הֵיילְן דִי נֶפֶשׁ פוּן אַלֶע פַּיין - אִיז דוּרְךְ דִי עֵצוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס נֶעמֶען זֵייעֶרֶע עֵצוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי עֵצוֹת פוּן צַדִיק אִיז כּוּלוֹ זֶרַע אֱמֶת (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ז), אֵיין שְׁטִיק אֱמֶת; דָאס בְּרֶענְגְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן זַיינֶע פַּיין.

אַלֶע לַיידְן אוּן פַּיין אִיז פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם), דֶער עִיקָר גָלוּת אִיז פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה; דָאס וָואס מֶען לַיידְט אִיז וַוייל מֶען פַאְרגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען רֶעדְט זִיךְ אֵיין אַז דִי וֶועלְט וֶוערְט גֶעפִירְט דוּרְךְ טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל, מֶען פַארְגֶעסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס מַאכְט אַלֶעס, טוּט אַלֶעס אוּן אִיז אַלֶעס, אוּן וֶוען מֶען אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה - וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעלֵייזְט.

דִי בֶּעסְטֶע הֵיילוּנְג אִיז 'אֱמוּנָה', דוּרְךְ אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ דִי רֵיינֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן אַלֶעס וָואס אִיז אִין אִיר, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר, אַלֶעס אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן אוּן מַאכְט אַלֶעס מִיט גֶערֶעכְטִיגְקֵייט.

פַאר אַלֶע פַּיין אוּן וֵוייטָאג פוּנֶעם עָבַר אוּן פוּנֶעם הוֹוֶה וְכוּ' - אִיז דִי רְפוּאָה 'אֱמוּנָה'. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נג): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה חַיָּיו חַיִּים", וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה - לֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן, "וְהוּא מְבַלֶּה יְמֵי חַיָּיו בְּטוֹב תָּמִיד", אוּן עֶר פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג מִיט גוּטְס. "כִּי כְּשֶׁהוֹלֵךְ לוֹ כָּרָאוּי וְיֵשׁ לוֹ טוֹב, בְּוַדַּאי טוֹב לוֹ", וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, עֶס גֵייט אִים אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל - אִיז דָאךְ גוּט, "וַאֲפִילוּ כְּשֶׁאֵינוֹ כָּךְ, דְּהַיְנוּ שֶׁאֵין מִתְנַהֵג לוֹ כְּסֵדֶר וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִים חַס וְשָׁלוֹם, גַּם כֵּן טוֹב", אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט

אִים נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל, עֶר הָאט שְׁוֶועֶרֶע טֶעג, עֶר הָאט וֵוייטָאג אוּן יְסוּרִים - אִיז אִים וַוייטֶער גוּט, "כִּי הוּא בָּטוּחַ שֶׁאַף עַל פִּי כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יְרַחֵם עָלָיו לְהָבָא וְיֵיטִיב אַחֲרִיתוֹ", וַוייל עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים הֶעלְפְן, "כִּי מֵאַחַר שֶׁהַכֹּל מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ, בְּוַדַּאי הַכֹּל לְטוֹבָה", וַוייל אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס קוּמְט פוּן אִים - מוּז זַיין אַז אַלֶעס אִיז נָאר לְטוֹבָה. "אֲבָל מִי שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם", אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה - "חַיָּיו אֵינָם חַיִּים כְּלָל", לֶעבְּט נִישְׁט, דָאס לֶעבְּן אִיז אִים נִישְׁט קַיין לֶעבְּן. "כִּי תֵּכֶף כְּשֶׁעוֹבֵר עָלָיו אֵיזֶה רָעָה שׁוּב אֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת", וַוייל ווִי נָאר עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס - הָאט עֶר מֶער נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, "כִּי אֵין לוֹ בַּמֶּה לְנַחֵם עַצְמוֹ כְּלָל", עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִיט וָואס צוּ טְרֵייסְטְן, "מֵאַחַר שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה כְּלָל", וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה - "וְאֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת וְשׁוּם טוֹב", הָאט עֶר גָארְנִישְׁט, גָארְנִישְׁט, "מֵאַחַר שֶׁהוֹלֵךְ בְּלִי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּבְלִי הַשְׁגָּחָה רַחֲמָנָא לִצְלָן", וַוייל עֶר לֶעבְּט אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֲבָל עַל יְדֵי אֱמוּנָה, מַה טּוֹב וְיָפֶה הַחִיּוּת שֶׁלּוֹ", אָבֶּער מִיט אֱמוּנָה אִיז דֶער לֶעבְּן אַזוֹי שֵׁיין אוּן זִיס.

דֶערִיבֶּער ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַיין גֶעטְרֵייעֶר פְרֵיינְד, נֶעם דִי עֵצוֹת הַצַּדִּיקִים - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אוּן דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט לַיידְן.

דִי עֶרְשְׁטֶע עֵצָה אוּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז - יֶעדְן טָאג זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ טַאטֶע אָדֶער אַ חַבֵר, אוּן אִים דֶערְצֵיילְן דִי יְסוּרִים וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער, דִי נֶעפְּל אִין וָואס מֶען גֶעפִינְט זִיךְ, דִי טוּנְקֶעלֶע וָואלְקֶענֶעס וָואס מֶען זֶעט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַלֶעס וָואס מֶען שְׁפִּירְט, אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת, גֶעפִילְן וְכוּ', אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן אוּן אִים בֶּעטְן מִיט טְרֶערְן אוּן מִיט רַחְמָנוּת עֶס זָאל אַוֶועק גֵיין, אוּן אוֹיךְ בֶּעטְן אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אוֹיף אַ לוֹיטֶערֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה, צוּ ווִיסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

מַאכְט נָאר גוּטְס, און אוֹיךְ זָאל מֶען שְׁפִּירְן אַ לִיבְּשַׁאפְט, ווי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ.

בְּרוּדֶער טַייעֶרֶער, דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה; דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג נָאךְ טָאג, וָואךְ נָאךְ וָואךְ, און אֲפִילוּ יָאר נָאךְ יָאר - מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, און נָאר אַזוֹי גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע פַּיין און פְּלָאג.

עֶס אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן ווי אַזוֹי צוּ הֵיילְן דִי זֶעל פוּן פַּיין און פְּלָאג, און אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים און מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען טוּן דִי עֵצוֹת - וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט, אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג): "און אִיךְ הֵייל זִי"; דֶער רֶבִּי הֵיילְט אוּנְזֶער גֵייסְט, אוּנְזֶער זֶעל - פוּן אַלֶע פַּיין און פְּלָאג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל מֶען דֶערְצֵיילְן פְּרִיוַואטֶע זַאכְן פַאר אַ גוּטֶער חַבֵר?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ אַז מֶען זָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן קַיין פְּרִיוַואטֶע זַאכְן פַאר מֶענְטְשְׁן, ווי אַזוֹי קֶען מֶען אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט אִין צֶעטְל קָטָן אַז מֶען זָאל זִיךְ יָא אַלְץ אוֹיסְרֶעדְן פַאר אַ גוּטֶער חַבֵר?

יִישַׁר כֹּחַ בֶּאֱמֶת פַאר דִי חִיזוּק וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט, וָואס הֶעלְפְט מִיר אַסַאךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ דֶערְצֵיילְן קַיין פְּרִיוַואטֶע זַאכְן פַּאר מֶענְטְשְׁן, אוּן אֲפִילוּ פַּאר חֲבֵרִים; מֶען קֶען קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן, מֶען מֵיינְט מֶען הָאט אַ נָאנְטֶער מֶענְטְשׁ אוּן בַּיים סוֹף אִיז עֶר דֶער וָואס בַּאגְרָאבְּט אוּן פַארְשֶׁעמְט.

דָאס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. וַוייל דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (צֶעטְל קָטָן, סִימָן יג): "לְסַפֵּר בְּכָל פַּעַם לִפְנֵי הַמּוֹרֶה לוֹ דֶרֶךְ הַשֵּׁם, וַאֲפִילוּ לִפְנֵי חָבֵר נֶאֱמָן, כָּל הַמַּחְשָׁבוֹת וְהִרְהוּרִים רָעִים אֲשֶׁר הֵם נֶגֶד תּוֹרָתֵינוּ הַקְּדוֹשָׁה וְכוּ'", מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן פַּאר אַ רֶבִּי אָדֶער פַּאר אַ בַּאגְלֵייבְּטֶער חָבֵר אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס אִיז קֶעגְן דִי תּוֹרָה אוּן נֶעמֶען פוּן אִים אַן עֵצָה וְכוּ', דָאס מֵיינְט מֶען אַז מֶען אִיז זוֹכֶה מֶען הָאט אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ וָואס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַ חָבֵר נֶאֱמָן, דָאס מֵיינְט מֶען אַ תַּלְמִיד חָכָם, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - וָואס וֶועט דִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן דִיר גֶעבְּן עֵצוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אָבֶּער דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט וָואס מֶענְטְשְׁן רוּפְן חֲבֵרִים.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה): "הִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל", הִתְבּוֹדְדוּת אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, עֶס אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע עֲבוֹדוֹת, "דְּהַיְנוּ לִקְבֹּעַ לוֹ עַל כָּל פָּנִים שָׁעָה אוֹ יוֹתֵר, לְהִתְבּוֹדֵד לְבַדּוֹ בְּאֵיזֶה חֶדֶר אוֹ בַּשָּׂדֶה", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מַאכְן אַ צַייט וָואס עֶר לָאזְט אַלֶעס אָפּ אוּן עֶר גֵייט אִין אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, "וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ בִּטְעָנוֹת וַאֲמַתְלָאוֹת, בְּדִבְרֵי חֵן וְרִצּוּי וּפִיּוּס, לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְחַנֵּן מִלְּפָנָיו יִתְבָּרַךְ, שֶׁיְּקָרְבוֹ אֵלָיו לַעֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת", אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן

דָאס הַארְץ, אִים בֶּעטְן אַז עֶר זָאל שׁוֹין רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, אוּן מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף מַאמֶע לָשׁוֹן - אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, "כִּי בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ קָשֶׁה לוֹ לְפָרֵשׁ כָּל שִׂיחָתוֹ", וַוייל אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיפְן הַארְץ, "וְגַם אֵין הַלֵּב נִמְשָׁךְ אַחֲרֵי הַדִּבּוּרִים, מֵחֲמַת שֶׁאֵינוֹ מֻרְגָּל כָּל כָּךְ בְּהַלָּשׁוֹן, כִּי אֵין דַּרְכֵּנוּ לְדַבֵּר בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ", וַוייל מִיר רֶעדְן נִישְׁט קַיין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, דֶערְפַאר אִיז שְׁוֶוער זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ, "אֲבָל בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז שֶׁמְּסַפְּרִים וּמְדַבְּרִים בּוֹ, קַל וְקָרוֹב יוֹתֵר לְשַׁבֵּר לִבּוֹ", אָבֶּער אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן - דַאן אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ אוֹיסְצוּגִיסְן דָאס הַארְץ.

מֶען דַארְף זוּכְן אַ חָבֵר וָואס אִיז מְחַזֵּק צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מִיט אִים זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, דֶערִיבֶּער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זוּךְ אוֹיף אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, גֵיי דָארְט יֶעדְן טָאג אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, אוֹיף דַיין נְשָׁמָה; זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ, ווִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ בִּיסְט נִכְשָׁל גֶעוָוארְן, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען לֶערְנֶען אִין דִי פְרֵייעֶ צַייט בַּיי דִי אַרְבֶּעט?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶּ' כְּסֵדֶר מִיט דִי חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת.

אִיךְ אַרְבֶּעט אַלֵיין אִין אַן אָפִּיס, אַ גְרוֹיס חֵלֶק פוּן טָאג זִיץ אִיךְ לֵיידִיג וָוארְטְנְדִיג עֶס זָאל אַרֵיינְקוּמֶען נָאךְ אַרְבֶּעט, מַיין שְׁאֵלָה אִיז צִי אִיךְ מֶעג אִין דִי פְרֵייעֶ צַייט אוֹיסְנוּצְן פַאר מַיינֶע שִׁיעוּרִים? וַוייל לְמַעֲשֶׂה בַּאקוּם אִיךְ בַּאצָאלְט אוֹיפְן שָׁעָה.

אַ דַאנְק, כֹּה לְחָי אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ב׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דַיין בַּעַל הַבַּיִת צָאלְט דִיר אוֹיפְן שָׁעָה - טָארְסְטוּ גָארְנִישְׁט טוּן אִין דִי שָׁעוֹת.

פְרֶעג דַיין בַּעַל הַבַּיִת וָואס עֶר ווִיל דוּ זָאלְסְט טוּן אִין דִי לֵיידִיגֶע שָׁעוֹת, אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ טוּן אָדֶער אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט דֶעמָאלְט לֶערְנֶען; ווַייל אַז מֶען אִיז פַארְדִינְגֶען אוֹיף דִי שָׁעָה און אוֹיפְן טָאג - טָאר מֶען נִישְׁט טוּן דַייטִיגֶע אֵייגֶענֶע זַאכְן.

אַז דַיין בַּעַל הַבַּיִת זָאגְט דוּ קֶענְסְט לֶערְנֶען - זָאלְסְטוּ זִיךְ מִיטְנֶעמֶען אַ זֶעקְל סְפָרִים. בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶ חֲסִידִים פְלֶעגְן זִיךְ מִיטְנֶעמֶען צוּ דִי אַרְבֶּעט אַ זֶעקְל סְפָרִים; אַ חוּמָשׁ׳ל, אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ גְמָרָא, אַ תְּהִלִים, און וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַן אִיבְּרִיגֶע מִינוּט - הָאבְּן זֵיי גֶעלֶערְנְט און זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, דִי גַאנְצֶע טָאג זֵייעֶרֶע אִיז גֶעוֶוען גֶעפְלָאכְטְן און צוּגֶעבִּינְדְן מִיט לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיבֶּערְלָאזְן מַיין מַאמֶע, צוּ פָארְן אוֹיף אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און טוּן וָואס עֶר הֵייסְט. אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג, לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם צְוֵויי מָאל מִשְׁנַיוֹת און אִיךְ גֵיי דָאס שׁוֹין בַּאלְד מְסַיֵּים זַיין אַ דְרִיטֶע מָאל, אוֹיךְ אִין שַׁ"ס הַאלְט אִיךְ שׁוֹין הִיבְּשׁ טִיף אַרַיין, אִין

נַ"ך, רַמְבַּ"ם, אוּן נָאךְ, אַלֶעס אִין זְכוּת פוּן דִי שִׁיעוּרִים וָואס הָאבְּ מִיךְ מְקַרֵב גֶעוֶוען צוּם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה. אוֹיךְ מַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז פִיל בֶּעסֶער אוּן שֶׁענֶער. שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף דִי זִיסֶע שִׁיעוּרִים אוּן אוֹיף דִי לִיכְטִיגֶע וֶועג פוּן מוֹהֲרָא"שׁ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועגְן אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אִיךְ בִּין נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אִין אוּמַאן, אִיךְ בִּין אֲפִילוּ נִישְׁט אַרוֹיס פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן מַיין הַארְץ גְלוּסְט דָארְט צוּ זַיין. אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַ פְּרָאבְּלֶעם וָואס אִיךְ ווִיל זִיךְ שׁוֹאֵל עֵצָה זַיין מִיטְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, מַיין טַאטֶע אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן אוּן הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט מַיין מַאמֶע אַן אַלְמָנָה, גַאנְץ אוֹיף דֶער עֶלְטֶער. אִיךְ פָאר אַלֶע יָאר צוּ זַיין מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן (יֶעצְט נָאר מִיט מַיין מַאמֶע) אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אָז מִיר וֶועט מַיין מַאמֶע דַארְפְן זוּכְן וואוּ צוּ זַיין; גֵיין צוּ אַ טָאכְטֶער, מַיין שְׁוֶועסְטֶער, וָואס וואוֹינְט וַוייט, וֶוען נֶעבְּן אִיר שְׁטוּבּ הָאט זִי דִי שׁוּל וָואס זִי אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דַאוֶוענֶען שׁוֹין אַסַאךְ אַסַאךְ יָארְן, אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אוֹיבּ אִיךְ וֶועל נִישְׁט זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי אִיר וֶועט זִי הָאבְּן צַעַר, נִישְׁט צוּלִיב בְּרֶסְלֶב נָאר פְּרַאקְטִישׁ, אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ עֶס פָארְגֶעשְׁטֶעלְט; וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ב' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווַאוֹיל אִיז דִיר אוּן ווַאוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אַז דוּ בִּיסְט מְכַבֵּד דַיין מַאמֶע. דִי מִצְוָה פוּן מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן אִיז אַזוֹי הֵיילִיג אוּן אַזוֹי טֵייעֶר, מִיר גֶעפִינֶען אַז דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי זָאגְט (יְרוּשַׁלְמִי קִידוּשִׁין פֶּרֶק א, הֲלָכָה ז): "גָדוֹל הִיא כִּיבּוּד אָב וָאֵם שֶׁהֶעֱדִיפוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹתֵר מִכְּבוֹדוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן מֶען זָאל מֶער מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע ווִי מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

בְּנוֹגֵעַ קוּמֶען אוֹיף אוּמַאן וֶוען דַיין מַאמֶע דִי אַלְמָנָה וֶועט בְּלַייבְּן אַלֵיין וְכוּ'; זֶע אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן אַז אַנְדֶערֶע פוּן דִי מִשְׁפָּחָה זָאלְן קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן דוּ קוּם קַיין אוּמַאן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג):

"הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי מִיר אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה", אוּן עֶס אִיז מִיר אַ ווּאוּנְדֶער אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, אוּן זֵיי זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מוֹדִיעַ זַיין פַּאר אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? "אִישׁ לֹא יֵעָדֵר" קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן, "כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", ווַייל מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

גָארְנִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט קֶען אָפְּהַאלְטְן צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה; לֹא מִבַּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ, תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אִיךְ ווֵייס וָואס אִיז 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה', אוּן נִישְׁט נָאר עֶנְק, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז גֶעוָואנְדְן אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

זַיי מְסַדֵּר אַז דַיין מַאמֶע דִי אַלְמָנָה - זָאל הָאבְּן מִיט וֶועם צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דוּ קוּם קַיין אוּמַאן. ווַייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תו): "שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן. אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין אַ גַאנְץ יָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## אוֹיסְגֶעוואַקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךָ אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי הֶערְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָואס אִיז אַזוֹי מְחַיֶּה הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן וֶועכְנְטְלִיךְ, אוּן אוֹיךְ דִי זְכוּת וָואס דוּ מַאכְסְט דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּאר קִינְדֶער, מַעֲשֶׂה׳לֶעךְ פַּאר קִינְדֶערְלֶעךְ, אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט אַ רֵייץ צוּ וֶועלְן זַיין אַ צַדִיק, דוּרְךְ דִי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת מִיט דִי שֵׁיינֶע בִּילְדֶער גֶעשְׁרִיבְן פַּאר יוּנְגֶע קִינְדֶער.

דִי וָואךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַ בִּילְד וִוי מוֹהֲרָא״שׁ אַלְס בָּחוּר זִיצְט אוּן לֶערְנְט, אוּן דֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן רֶבִּי מֹשֶׁה פַּיְינְשְׁטֵיין זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה שְׁטֵייט פוּן הִינְטֶער אִים, עֶר לֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף זַיין אַקְסְל אוּן קוּקְט זִיךְ צוּ וִוי דֶער בָּחוּר הַאלְט.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוער וִויל זַיין אַ צַדִיק? וֶוער וִויל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה? אַלֶע קִינְדֶער שְׁרֵייעֶן אוֹיס: ״אִיךְ... אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִיק״, וַוייל יֶעדֶער וִויל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אָבֶער אַסַאךְ מָאל קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע אוּן מַאכְט טְרַאכְטְן ׳אִיךְ פַּארְשְׁטֵיי נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען, אִיךְ פַּארְגֶעס דִי לֶערְנֶען, אוּן אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ וֵויינִיג גֶעדוּלְד צוּ לֶערְנֶען׳; מִיר וֶועלְן יֶעצְט זֶען אִין דִי מַעֲשֶׂה אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג פַּאר יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ לֶערְנֶען אוּן צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק.

אַ ווילְדֶע אִינְגְל, עֶר לֶערְנְט נִישְׁט, עֶר שְׁפְּרִינְגְט אוּן טַאנְצְט, אוֹיף אַלֶע דֶעכֶער אִיז עֶר גֶעוֶוען, בִּיז אֵיין טָאג עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ סֵפֶר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דָארְט הָאט עֶר גֶעזֶען אַ 'וֶועג צוּ לֶערְנֶען'; אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען וַוייטֶער לֶערְנֶען, אוּן אֲפִילוּ מֶען פַארְגֶעסְט - זָאל מֶען וַוייטֶער לֶערְנֶען, דָאס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעכַאפְּט, דֶער בָּחוּר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען זֵייעֶר פְלַייסִיג.

שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר אַרַיין אִין דִי יְשִׁיבָה פוּן הַגָּאוֹן רֶבִּי מֹשֶׁה פַיְינְשְׁטֵיין זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט, עֶר הָאט מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶערֶעדְט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשָׁאקְלְט אוֹיף דִי גְמָרָא אוּן גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, צֶענְדְלִיגֶער בְּלֶעטֶער גְמָרָא הָאט עֶר גֶעזָאגְט יֶעדְן טָאג.

דֶער גָאוֹן רֶבִּי מֹשֶׁה פַיְינְשְׁטֵיין זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם פְלַייסִיגְן בָּחוּר אוּן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבּוֹיגְן אוּן אִים גֶעגְלֶעט זַיינֶע אַקְסְלֶען אוּן זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען וִוי פְלַייסִיג דֶער בָּחוּר לֶערְנְט.

וֶוען דֶער בָּחוּר אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארְן הָאט עֶר אָפְּגֶענוּמֶען דִי מַזָל טוֹב פוּן דֶעם גָאוֹן רֶבִּי מֹשֶׁה זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הָאט רֶבִּי מֹשֶׁה אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים דֶערְמַאנֶען וֶוען דִי חֲתוּנָה וֶועט זַיין, "אִיךְ ווִיל זַיין בַּיי דַיין חֲתוּנָה" - הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דֶער גָאוֹן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִי חֲתוּנָה.

וֶוער אִיז גֶעוֶוען דֶער בָּחוּר וָואס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען אַזוֹי פְלַייסִיג? דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אוּן מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, עֶר וֶועט זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא - וֶועט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## חַס וְשָׁלוֹם וַוייזְן פַאר קִינְדֶער קְלִיפְּס אוּן ווִידְיאוֹס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בַּתַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע אוֹיבּ מֶען זָאל וַוייזְן פַאר קִינְדֶער קְלִיפְּס אוּן מוּזִיק ווִידְיאוֹס; דוּ וֵוייסְט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, חַס וְשָׁלוֹם וַוייזְן פַאר קִינְדֶער קְלִיפְּס אוּן ווִידְיאוֹס.

עֶס אִיז דָא אַ בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן וֶוען אֵיינֶער פוּן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין חֶדֶר הָאבְּן גֶעווִיזְן פַאר דִי קִינְדֶער אַ קְלִיפּ פוּן אַ זִינְגֶער ווִי עֶר טַאנְצְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּסְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה בִּיז אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דִי בְּרִיוו פוּן מוֹהֲרָא"שׁ [זֶע אִינֶעם בְּרִיוו בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו, אֲשֶׁר בְּנַחַל חֵלֶק א, מִכְתָּב צז]; אִיךְ וָואלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלָאזְט אַזַא זַאךְ פַּאסִירְן, אִיךְ בִּין אָבֶּער אִין יֶענֶע צַייט גֶעוֶוען זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן דִי פוּנְדַאמֶענְט פוּן דִי מוֹסָד, וֶוען אַלֶע הָאבְּן נָאךְ גֶעלַאכְט, וֶוען קֵיינֶער הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, אוּן פְּלוּצְלוּנְג בַּאקוּם אִיךְ אַ בְּרִיוו פוּן מוֹהֲרָא"שׁ: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט וַוייזְן קְלִיפְּס פַאר דִי קִינְדֶער - זָאלְסְטוּ אַרָאפְּנֶעמֶען מַיין נָאמֶען פוּן דִי מוֹסָד".

וַוייז נִישְׁט קַיין שׁוּם קְלִיפְּס פַאר קִינְדֶער; אֲפִילוּ קְלִיפְּס אוּן ווִידְיאוֹס וָואס מֶען מַאכְט פַאר הֲפָצָה, פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ זֵיי נָאר דוּרְךְ אַן אוּנְטֶער טִיר, וד"ל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ כ"ח כִּסְלֵו ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער קַיין שׁוּם ווִידְיאָס וְכוּ', אֲפִילוּ אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע כְּשֵׁרֶע וְכוּ', מֶען טָאר נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינֶען קִינְדֶער

זָאלְן קוּקְן אוֹיף כְּלֵי מַשְׁחִית, אֲפִילוּ מֶען ווייזְט גוּטֶע זַאכְן, וָוארוּם דִי חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קה:) שֶׁכַּךְ אוּמְנָתוֹ שֶׁל יֵצֶר הָרַע, הַיּוֹם אוֹמֵר לוֹ עֲשֵׂה כַּךְ וּלְמָחָר אוֹמֵר לוֹ עֲשֵׂה כַּךְ, עַד שֶׁאוֹמֵר לוֹ עֲבוֹד עֲבוֹדָה זָרָה וְהוֹלֵךְ וְעוֹבֵד; מֶען הֵייבְּט אָן צוּ קוּקְן גוּטֶע זַאכְן, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ קִילְט דָאס אָפּ דָאס קִינְד פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, בִּיז עֶר הֵייבְּט אָן צוּ קוּקְן שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן לֹא עָלֵינוּ. מֶען טָאר נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינֶען קִינְדֶער קוּקְן אוֹיף טְרֵיפֶענֶע כֵּלִים, דָאס פַאר'תַּמְ'ט דֶעם מֹחַ פוּן צוּ קֶענֶען נָאכְדֶעם אוֹיפְכַאפְּן דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה. אִיבֶּערְדֶעם זֶע נִישְׁט צוּ ווייזְן פַאר דִי קִינְדֶער קַיין שׁוּם מָאוּוִי אֲפִילוּ אַ כָּשֶׁרֶע, אוּן זָאלְסְט נִישְׁט ווייזְן קַיין שׁוּם פְּלֶעי (שְׁפִּיל) אֲפִילוּ חַסִידִישֶׁע אִינְגֶעלַייט שְׁפִּילְן וְכוּ', וָוארוּם מֶען טָאר נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינֶען קְלֵיינֶע קִינְדֶער מִיט אַזַא כְּלֵי מַשְׁחִית, זֵיי דַארְפְן וויסְן פוּן קְלֵיינְוַוייז אוֹיס, אַז דִי אַלֶע כְּלֵי מַשְׁחִית אוֹיף זֵיי אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶעם פָּסוּק (יְשַׁעְיָה ל, כב) "צֵא תֹּאמַר לוֹ", דַרְשֶׁ'עֶנֶען דִי חַזַ"ל אוֹיף דֶעם (מֶדְרָשׁ זוּטָא אֵיכָה, פַּרְשָׁה א) צוֹאָה תֹּאמַר לוֹ. גְלֵייבּ מִיר וֶוען מֶען לֵייגְט דָאס אַרֵיין אִין קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ זֵייעֶר קְלֵיין, אַז דִי כְּלֵי מַשְׁחִית זֶענֶען עֶקְלְדִיג אַזוֹי ווִי צוֹאָה וְכוּ', וֶועלְן זֵיי עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט מֶער אִין לֶעבְּן אָנְרִירְן, וָואס דָאס זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (מִשְׁלֵי כב, ו) "חֲנוֹךְ לְנַעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה" מֶען דַארְף מִיט קִינְדֶער לֶערְנֶען אוּן מַסְבִּיר זַיין וֶועלְדִיג זֵייעֶר עֶלְטֶער, וֶועט דָאס שׁוֹין בְּלַייבְּן בַּיי זֵיי דֶעם גַאנְץ לֶעבְּן.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער זַאךְ אוֹיסְצוּלֶערְנֶען קִינְדֶער נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, וָואס דָאס וֶוערְט אַרֵיינְגֶעקְרִיצְט אִין זֵייעֶרע הֵיילִיגֶע הֶערְצֶעלֶעךְ וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיךְ פַארְשְׁטֵיין, אוּן דוּ וֶועסְט טוּן מַיין רָצוֹן.

אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיר אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

[...

## אַז דִי וַוייבּ צָארְנְט, אִיז גוּט צוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כא, יט): "טוֹב שֶׁבֶת בְּאֶרֶץ מִדְבָּר", עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ זִיצְן אִין מִדְבָּר, "מֵאֵשֶׁת מִדְיָנִים וָכָעַס", וִוי צוּ זַיין מִיט אַ קְרִיגֶערִישֶׁע פְרוֹי אוּן אַ צָארְנְדִיגֶע פְרוֹי.

מִיטְן רֶבִּינְ'ס הַקְדָּמוֹת קֶען זַיין נָאךְ אַ פְּשַׁט, וֶוען מֶען זֶעט אַז דִי וַוייבּ קְרִיגְט זִיךְ אוּן זִי אִיז בְּכַּעַס - אִיז גוּט צוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אוּן אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר שָׁלוֹם בַּיִת, גֶעבּ מִיר מְנוּחַת הַנֶּפֶשׁ, הֶעלְף מִיר, מַיין וַוייבּ הֶערְט נִישְׁט אוֹיף שְׁרֵייעֶן אוּן טְשֶׁעפֶּען, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אַהֲבָה אוּן שָׁלוֹם, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן"; דָאס אִיז פְּשַׁט: "טוֹב שֶׁבֶת בְּאֶרֶץ מִדְבָּר", עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ גֵיין אִין אַ מִדְבָּר, אַ לֵיידִיגֶע שְׁטִילֶע פְּלַאץ, וואוּ קֵיינֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט, אוּן נִיצְן דֶעם "מִדְבָּר", דָאס אִיז דִי מוֹיל - "מְדַבֵּר"; זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם "מֵאֵשֶׁת מִדְיָנִים וָכָעַס", אוּן חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ קְרִיגְן, נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, נִישְׁט זִיךְ מִתְוַכֵּחַ זַיין אוּן חַס וְשָׁלוֹם טְשֶׁעפֶּען; אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע אַיינְגֶענֶעמֶע גֶעשְׁמַאקֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

## פוּן זִיךְ פַארְרוּפְן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיט לוֹיבּ אוּן דַאנְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִינְגְל בַּיי מַיין זוּן שִׁמְעוֹן נֵרוֹ יָאִיר, מָה אָשִׁיב לַשֵּׁם כָּל תַּגְמְלוֹהִי עָלָי, וִויפִיל דַארְף אִיךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים.

מֶען הָאט מִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אַז אוֹיבּ אִיךְ וֶועל זַיין אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וֶועל

אִיךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער, עֶס וֶועט נִישְׁט גֵיין קַיין שִׁידוּכִים, עֶס וֶועט זִיךְ נִישְׁט גוּט עֶנְדִיגְן. דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין קְהִילָה דָא אִין אַמֶערִיקֶע, עֶס אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי מִנְיָנִים בַּאהַאלְטֶענֶע צַדִיקִים, מֶען הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ רֶעדְן בָּרַבִּים פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ, אוּן דֶעמָאלְט וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי חֵדֶר מִיט אַפָּאר קִינְדֶער אִיז דָאס גֶעוֶוען אַזַא גֶעשְׁפֶּעט... אִיךְ פְלֶעג יֶעדְן טָאג בֶּעטְן בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת דֶעם פָּסוּק: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עֲשֵׂה עִמִּי אוֹת לְטוֹבָה וְיִרְאוּ שׂוֹנְאַי וְיֵבוֹשִׁי כִּי אַתָּה ה' עֲזַרְתַּנִי וְנִחַמְתָּנִי", גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען הַאלְט שׁוֹין דָא.

דָאס שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר זָאלְסְט וִויסְן אַז יֶעצְט וֶוען מֶען דֶערְשְׁרֶעקְט דִיר אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט קַיין שִׁידוּכִים טוּן, אוּן וְכוּ' וְכוּ', זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז פוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ פַארְרוּפְן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד - דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט, מֶען פַארְדִינְט נָאר בְּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**בַּאשֶׁעפֶער זִיסֶער הֶעלְף מִיר, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין פְלָאנְטֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ב' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**גֵיי אִין אַ וִוינְקֶל אוּן שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ", מַיינֶע צָרוֹת זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, "מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי", בַּאשֶׁעפֶער זִיסֶער הֶעלְף מִיר, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין פְלָאנְטֶער.**

מוֹהֲרַ"אשׁ פְלֶעגְט אוּנְז דֶערְצֵיילְן אַלֶע יָארְן פּוּרִים דִי מַעֲשֶׂה פוּן ר' מֵאִיר טֶעפְּלִיקֶער, עֶר פְלֶעגְט מַאכְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ פּוּרִים נָאכְמִיטָאג אַ סְעוּדָה אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען, מֶען הָאט גֶעגֶעסְן אַ סְעוּדָה, מֶען הָאט גֶעטְרִינְקֶען אוּן גֶעטַאנְצְן אַז מִיר הָאבְּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וָואס רַאטֶעוֶועט אוּנְז פוּן הָמָן הָרָשָׁע; דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס ווִיל הַרְגְ'עֶנֶען יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן אִיד.

וַיְהִי הַיּוֹם, אֵיין פּוּרִים זֶעט ר' מֵאִיר ווִי אֵיינֶער זִיצְט אִין דֶער זַייט אוּן וֵויינְט; בִּשְׁעַת אַלֶע טַאנְצְן זִיצְט עֶר דָארְט אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה, ר' מֵאִיר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט סוֹבֵל זַיין. עֶר גֵייט צוּ צוּ אִים אוּן פְרֶעגְט אִים: "זָאגְט מִיר וָואס גֵייט פָּאר? הַיינְט אִיז פּוּרִים, אַלֶע טַאנְצְן, אַלֶע זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, פַארְוָואס טַאנְצְט אִיר נִישְׁט מִיטְן גַאנְצְן עוֹלָם?!" דֶער אִיד קוּקְט אָן ר' מֵאִיר אוּן זָאגְט אִים: "ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ טַאנְצְן וֶוען אִיךְ הָאבּ אַ צְבִי'ָ אוֹיפְן קָאפּ?!" ר' מֵאִיר פְרֶעגְט אִים: "וָואס רֶעדְט אִיר? זָאגְט מִיר וָואס גֵייט פָּאר מִיט אַייךְ?" דֶער אִיד הוֹיבְּט אָן וֵויינֶען, עֶר זָאגְט פַאר ר' מֵאִיר טֶעפְּלִיקֶער: "אִיךְ הָאבּ אַ טָאכְטֶער, זִי אִיז שׁוֹין עֶלְטֶער, זִי דַארְף אַ שִׁידוּךְ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט אִיר חֲתוּנָה צוּ מַאכְן, קֵיינֶער ווִיל זִיךְ נִישְׁט מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט מִיר, דִי טָאכְטֶער צְבִי'ָ דְרוּקְט מִיר אוֹיף מַיין מֹחַ, אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף טְרַאכְטְן פוּן מַיין צָרָה", ר' מֵאִיר זָאגְט אִים: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַייךְ נִישְׁט, אֱמֶת, אִיר הָאט אַ צָרָה, אִיז דָאס אָבֶּער דִי עֵצָה? זִיצְן פַארְבִּיטֶערְט אִיז אַן עֵצָה?! דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אַז מֶען הָאט אַ צָרָה שְׁרֵייט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אַז עֶס דְרוּקְט אוֹיפְן הַארְץ - גִיסְט מֶען זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט טַאנְצְן מִיט מִיר, אִיךְ וֶועל אַייךְ ווַייזְן וָואס אִיר זָאלְט טוּן מִיט צְבִי'ָ, אִיךְ וֶועל זָאגְן וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיר וֶועט מִיךְ נָאךְ זָאגְן".

ר' מֵאִיר הוֹיבְּט אָן זָאגְן דֶעם פָּסוּק: "**צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ**", מַיינֶע צָרוֹת זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, "**מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי**", בַּאשֶׁעפֶער זִיסֶער הֶעלְף מִיר, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין פְּלָאנְטֶער; ר' מֵאִיר זָאגְט אִים: "זָאג מִיךְ נָאךְ"; דֶער אִיד הָאט נָאכְגֶעזָאגְט אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן, בִּיז דֶער אִיד אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גֶעוָוארְן, עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט צְבִי'ָ אִין זַיין קָאפּ, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאךְ פּוּרִים אִיז גֶעשֶׁען אַ גְרוֹיסֶע נֵס, צְבִי'ָ אִיז אַ כַּלָּה גֶעוָוארְן מִיט אַ בְּרֶעסְלֶבְ'עֶר חָתָן, בֵּיידֶע, סַיי דֶער חָתָן הָאט נִישְׁט גֶעזוּכְט אַ כַּלָּה וָואס הָאט גֶעלְט, דֶער חָתָן הָאט גֶעזוּכְט אַ כַּלָּה וָואס לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס לֶעבְּט מִיט אַ צַדִּיק, אוּן אוֹיךְ דִי כַּלָּה הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט אַז זִי הָאט

גֶעטְרָאפְן אַ גוּטֶער חָתָן, אַ חָתָן וָואס קוּקְט נִישְׁט אוֹיב מֶען הָאט גֶעלְט. זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

בְּרוּדֶער, גֵיי שׁוֹין זוּךְ דִיר אוֹיף אַ ווִינְקֶל אוּן שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ", מַיינֶע צָרוֹת זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, "מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי", בַּאשֶׁעפֶער זִיסֶער הֶעלְף מִיר, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין פְּלָאנְטֶער.

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ זַיין פּוּרִים אִין שְׁטָאט. אִיךְ ווִיל בֶּעטְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען, זַייט אַייךְ נִישְׁט מַטְרִיחַ, מַאכְט אַייךְ פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטֶעטְל, פְרֵיילִיךְ אִיז נִישְׁט אִין אַ גֶעווִיסֶע פְּלַאץ, פְרֵיילִיךְ אִיז אִין הַארְץ.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת וֶועלְן מִיר טַאנְצְן אִין יְשִׁיבָה, אוּן אוֹיךְ זוּנְטָאג נָאכְמִיטָאג וֶועלְן מִיר מַאכְן אַ שׁוּשַׁן פּוּרִים סְעוּדָה מִיט אַ פָארְשְׁטֶעלוּנְג פַאר דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גוּטֶע גֶעפִיל, גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן וַוייזְן אִינְטֶערֶעס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ג' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

רֶעד שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ צוּ דַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן זַיי נִישְׁט קַיין קַמְצָן, קַיין קַארְגֶער; סַיי וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֶעבְּן גֶעלְט אוּן סַיי אוֹיף גוּטֶע וֶוערְטֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה כ:): "רוֹצֶה אִשָּׁה בְּקַב וְתִפְלוּת, מִתִּשְׁעָה קַבִּין וּפְרִישׁוּת", אַ פְרוֹי ווִיל עֶנְדֶערְשׁ ווֵיינִיג עֶסְן אוּן זַיין נָאנְט מִיט אִיר מַאן, ווִי אֵיידֶער אַסַאךְ עֶסְן אוּן נִישְׁט זַיין נָאנְט מִיטְן מַאן; זֶעט מֶען אַז דֶער עִיקָר אִיז דִי גוּטֶע גֶעפִיל, דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער, דָאס וַוייזְן אִינְטֶערֶעס.

אַז דוּ פַארְרוּפְסְט זִיךְ אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ - דַארְפְסְטוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת. מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט טָאג אוּן נַאכְט גֶעטוּן פַאר שָׁלוֹם בַּיִת, וֶוען עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אַ פָּארְפָּאלְק פַאר שָׁלוֹם בַּיִת - הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אַוֶועק גֶעוָוארְפְן זַיין זֵייגֶער, זַיין עֶסְן, זַיין בֶּעט, זַיין אַלֶעס - אוּן

גֶעקֶענְט זִיצְן אַ גַאנְצֶע טָאג און אַ גַאנְצֶע נַאכְט אַבִּי מַאכְן שָׁלוֹם בֵּין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ז.), אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, מֶעק אוֹיס מַיין נָאמֶען אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת.

מֶען טָאר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען דִי וַוייבּ, אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִי וַוייבּ און זִי וֵויינְט - אִיז דָאס אַ סַכָּנָה, און מֶען פַארְלִירְט דִי פַּרְנָסָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען זַיין וַוייבּ, "מִתּוֹךְ שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה", זִי וֵויינְט שְׁנֶעל און דָאס אִיז אַ לַאו אִין דִי תּוֹרָה, און מֶען פַארְלִירְט דִי פַּרְנָסָה.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ צוּרִיק בַּאנֵייעֶן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת. מוֹהֲרַאְ"שׁ שְׁרַייבְּט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל אַז מִשְׁנָיוֹת וַואשְׁט אָפּ אַלֶע עֲבֵירוֹת, מוֹהֲרַאְ"שׁ רוּפְט דָאס אָן "סְטִיל וָואל" פַאר דִי נְשָׁמָה; סְטִיל וָואל נֶעמְט אַרָאפּ דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע שְׁמוּץ פוּן כֵּלִים, אַזוֹי אוֹיךְ מִשְׁנָיוֹת נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע צוּגֶעקְלֶעבְּטֶע שְׁמוּץ פוּן דִי נְשָׁמָה, מִשְׁנָיוֹת וֶועט דִיר גֶעבְּן אַ נֵייעֶ מֹחַ מַחֲשָׁבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס אִיז דָא וֵוייניג שִׁידוּכִים?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מוֹהֲרַאְ"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, דֶער פְּרָאבְּלֶעם בַּיי שִׁידוּכִים אִינֶעם דוֹר אִיז - אַז מֶען קְלוֹיבְּט זִיךְ בַּיי שִׁידוּכִים. אַזוֹי ווִי אַ פֶערְד, וֶוען זִי עֶסְט גְרָאז מֵיינְט זִי אַלֶץ אַז בַּיי יֶענֶעם אִיז דִי גְרָאז גְרִינֶער, וֶוען אִין וָוארְהֵייט זֶענֶען אַלֶע גְרָאז אֵיינִיג; אַזוֹי אִיז בַּיי שִׁידוּכִים, בָּחוּרִים און מֵיידְלֶעךְ וֶועלְן זִיךְ, מֶען קֶען מֵיינֶען וֶוער ווֵייסְט וֶוער זֵיי אַלֵיין זֶענֶען...? און דָאס אִיז דֶער אֲרִיכוּת הַגָּלוּת, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שִׁידוּכִים.

זַיי זִיךְ מְקַבֵּל אַז דִי עֶרְשְׁטֶער שִׁידוּךְ וָואס מֶען וֶועט דִיר רֶעדְן זָאלְסְטוּ טוּן, אַזוֹי וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּבוֹיעֶן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

זַיי נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיף דַיינֶע שִׁיעוּרִים קְבוּעִים עַל פִּי סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), צוּ לֶערְנֶען אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה; לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא, הֲלָכָה, וְעוֹד...

...

## אֱמוּנָה הֵיילְט, אֱמוּנָה בַּארוּאִיגְט, עֶס נֶעמְט אַרוֹיס אַלְטֶע וֵוייטָאג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, לֶעיקְוָואד**

נֶעם אַרַיין אֱמוּנָה אִין זִיךְ, טְרַאכְט וִוי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז 'אֱלֹקִית', אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן דוּ שְׁטֵייסְט אִינְדֶערְמִיט. זִינְג זִיךְ נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, דִי נִיגוּן וָואס מָשִׁיחַ וֶועט זִינְגֶען, דִי נִיגוּן שֶׁל הַצַּדִּיק; וִוי דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד, ח): "תָּבוֹאִי תָּשׁוּרִי מֵרֹאשׁ אֲמָנָה", זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סד), דָאס אִיז דִי נִיגוּן וָואס דִי צַדִּיקִים זִינְגֶען, נִגּוּנֵי אֱמוּנָה; **מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרַךְ כְּלַל, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם זַאךְ אָן אִים, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, אוּן אִין יֶעדֶע זַאךְ אִיז עֶר בַּאהַאלְטְן.**

דָאס אִיז דִי אֱמֶתְ'עֶ רְפוּאָה צוּ הֵיילְן נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, דִי בַּת מֶלֶךְ וָואס מֶען שִׁיסְט מִיט פַּיילְן פוּן כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוּת פוּן טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל; אֱמוּנָה הֵיילְט, אֱמוּנָה בַּארוּאִיגְט, אֱמוּנָה נֶעמְט אַרוֹיס אַלְטֶע וֵוייטָאג; מֶען וֵוייסְט עֶס אִיז נִישְׁט דִי עֶלְטֶערְן, נִישְׁט דִי מַאן, נִישְׁט דִי וַוייבּ, נִישְׁט דֶער אוּן נִישְׁט יֶענֶער, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּטְס.

אוֹיךְ שִׂמְחָה טוּט הֵיילְן דִי זֶעל, אוֹיךְ שִׂמְחָה אִיז אַ שְׁלִיסְל צוּ זַיין דֶער גוּטֶער טַאטֶע וֶועמֶען דִי קִינְדֶער לִיבְּן, אוֹיךְ שִׂמְחָה אִיז דִי סוֹד פוּן זַיין דֶער

גוּטֶער מַאן וָואס דִי וַוייבּ וֶוערְט אִים אַן עוֹזַרְתּוֹ, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סג.) אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב, יח): "אֶעֱשֶׂה לּוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ, 'זָכָה עוֹזַרְתּוֹ, לֹא זָכָה כְּנֶגְדּוֹ'".

...

## וָואס זִיךְ מְקַבֵּל זַיין עֶס זָאל זִיךְ אָנְהוֹיבְּן הַצְלָחָה?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

דוּ דַארְפְסְט שֶׁפַע, דוּ וַוארְטְסְט אוֹיף אַ יְשׁוּעָה, דוּ פְּרֶעגְסְט וָואס דוּ קֶענְסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין עֶס זָאל זִיךְ אָנְהוֹיבְּן דִי הַצְלָחָה?

שִׂמְחָה אִיז דִי שְׁלִיסְל פַאר הַצְלָחָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב', סִימָן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד", וֶוער עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", אִיז שְׁטֶענְדִיג מַצְלִיחַ.

וִוי אַזוֹי? אוּן מִיט וָואס? מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מֶען אִיז אַ אִיד, מִיט דִי מִצְוֹת וָואס מֶען טוּט. גֵיי אַ טֶענְצְל נָאךְ שַׁחֲרִית אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּטוּן דִי הֵיילִיגֶע טַלִּית וּתְפִילִין, עֶס זָאל דִיר זַיין חָשׁוּב דַיינֶע מִצְוֹת (וַואשׁ אוֹיס דַיין טַלִית, דַיין טַלִית קָטָן, אֲפִילוּ דִי קַאר וַואשְׁט מֶען מִזְמַן לִזְמַן, אִיז וָואס אִיז מִיט דִי מִצְוֹת...?)

אֵיידֶער דוּ קוּמְסְט אַהֵיים זַיי זִיךְ מְיַשֵּׁב, מַאךְ אַ שְׁמֵייכְל, טְרַאכְט וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט בַּאהַאלְטְן דִי וֵוייטָאג, אוּן נָאר פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִין שְׁטוּבּ.

...

## זָאגְן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַארְן מְלַמֵּד אוּן מְנַהֵל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע גְרוֹיס אוֹיפְן מְלַמֵד, וִוי מִיט חָכְמָה הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַז דִי קִינְדֶער הָאבְּן אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים אוּן נִישְׁט אַז דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ פָּרָשָׁה וָואס מֶען ווִיל אַנְטְלוֹיפְן דֶערְפוּן.

אִיךְ הָאף אַז עֶנְק גֶעבְּן אִיבֶּער דִי גוּטֶע גְרִיסְן פַארְן מְלַמֵד אַלֵיין אוּן אוֹיךְ פַארְן מְנַהֵל, וַוייל אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ עֶנְק וֵוייסְן וִוי שְׁוֶוער אַ מְלַמֵד אוּן אַ מְנַהֵל אַרְבֶּעטְן, אוּן עַל פִּי רוֹב קוּמֶען אָן בְּעִיקָר דִי קְרִיטִיק אוּן טַעֲנוֹת; אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט.

אִיךְ בִּין נֶעכְטְן גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל בַּיים אֲסִיפַת הוֹרִים וּמוֹרִים, אִיךְ הָאבּ נָאכְגֶעזָאגְט פוּן מַיין בַּאבֶּע רָחֵל לֵאָה עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, זִי פְלֶעגְט זָאגְן: "זָאג לִיגְנְט, זָאג גוּט"; דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סֵפֶר הַמִּדוֹת, דִי צְוֵוייטֶע סִימָן אִין אוֹת אֱמֶת: "מֻתָּר לְשַׁנּוֹת מִפְּנֵי הַשָּׁלוֹם"; מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט בַּיי דִי אֲסִיפָה אַז מֶען זָאל זָאגְן פַארְן זוּן'ס מְלַמֵד אַ גוּט וָוארְט, אֲפִילוּ עֶס אִיז לִיגְנְט, לְמָשָׁל "מַיין זוּן הָאט זֵייעֶר לִיבּ זַיין רֶבִּי", אָדֶער "מִיר זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דִי יָאר אַז אוּנְזֶער זוּן הָאט אַ גוּטֶע מְלַמֵד"; וַוייל דִי גוּט וָוארְט וֶועט אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, כ"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וִויל הָאבְּן מִיט דִיר אַ נָאנְטֶע שַׁייכוּת, אִיךְ טְרַאכְט פוּן דִיר אַסַאךְ. אִיךְ הָאף דוּ זֶעסְט מַיינֶע בְּרִיוו, אִיךְ הֶער נִישְׁט צוּרִיק פוּן מַיינֶע בְּרִיוו, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר אוּן אוֹיךְ וִויל דִיךְ זֶען מֶער.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט גֵיין יֶעדֶע נַאכְט לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא בַּיי דִי שִׁיעוּר פוּנֶעם דַיין שְׁלִיטָ"א אִין שְׁטֶעטְל, וַוייל נָאר אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ, נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ - וִוי לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

קוּם אַרַיין קַיין ווילְיַאמְסְבּוּרְג יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט, אִיךְ ווִיל רֶעדְן מִיט דִיר פָּנִים בְּפָנִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען אִיז נִישְׁט קַיין רַחְמָנוּת, אוֹיבּ מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר זֶענְט נִישְׁט קַיין רַחְמָנוּת, קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַייךְ ווִי אַ רַחְמָנוּת, ווַייל אַז מֶען הָאט נִישְׁט קִינְדֶער גְלַייךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה - אִיז מֶען נִישְׁט קַיין רַחְמָנוּת, אַ רַחְמָנוּת אִיז מֶען - אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אוּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנַת חֲכָמִים; אַ מֶענְטְשׁ אָן אֱמוּנָה אוּן אָן אַ צַדִיק - אִיז אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת, דֶער אִיז אַ פַארְלוֹירֶענֶער, ווַייל ווֶען עֶס גֵייט אִים אִיבֶּער אַ צָרָה - ווֵייסְט עֶר נִישְׁט ווָאס צוּ טוּן. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נג): "מִי שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם", ווֶער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה - "חַיָּיו אֵינָם חַיִּים כְּלָל", לֶעבְּט נִישְׁט, דָאס לֶעבְּן אִיז אִים נִישְׁט קַיין לֶעבְּן. "כִּי תֵּכֶף כְּשֶׁעוֹבֵר עָלָיו אֵיזֶה רָעָה שׁוּב אֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת", ווַייל ווִי נָאר עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס - הָאט עֶר מֶער נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, "כִּי אֵין לוֹ בַּמֶּה לְנַחֵם עַצְמוֹ כְּלָל", עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִיט ווָאס צוּ טְרֵייסְטְן, "מֵאַחַר שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה כְּלָל", ווַייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה - "וְאֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת וְשׁוּם טוֹב", הָאט עֶר גָארְנִישְׁט, גָארְנִישְׁט, "מֵאַחַר שֶׁהוֹלֵךְ בְּלִי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּבְלִי הַשְׁגָּחָה רַחֲמָנָא לִצְלָן", ווַייל עֶר לֶעבְּט אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן שְׁטַארְקְט אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר; עֶנְק ווֶעלְן הָאבְּן קִינְדֶער, עֶנְק ווֶעלְן הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער, זָארְגְט נִישְׁט. אַנְטְלוֹיפְט נִישְׁט פוּן מֶענְטְשְׁן, אוּן ווֶען ווַייבְּלֶעךְ זִיצְן אוּן שְׁמוּעֶסְן פוּן קִינְדֶער - זָאלְט

אִיר מִיט שְׁמוּעֶסְן, לוֹיפְט נִישְׁט אַרוֹיס, וַוייל דִי צָרָה פוּן מָרָה שְׁחוֹרָה אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקְלִיךְ, עֶרְגֶער פוּן טוֹיט. קֵיינְמָאל זָאלְט אִיר נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן קִינְדֶער, אוּן אַז אִיר שְׁפִּירְט ווִי אִיר ווִילְט וֵויינֶען - זָאלְט אִיר דָאס אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען אוּן וַוייטֶער זַיין צְוִוישְׁן דִי מִשְׁפָּחָה, אוּן נָאר שְׁפֶּעטֶער וֶוען אִיר זֶענְט אַלֵיין אִין שְׁטוּבּ - קֶענְט אִיר זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אוּן אוֹיף שִׂמְחָה, אוּן אוֹיךְ אוֹיף קִינְדֶער.

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, דֶער צַדִיק גֶעבְּט אוּנְז אַן עֵצָה פוּן אֱמוּנָה, 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה', דִי עֵצָה אִיז אֱמוּנָה; וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה לֶעבְּט אַ זִיס לֶעבְּן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה חַיָּיו חַיִּים", וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה - לֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן, "וְהוּא מְבַלֶּה יְמֵי חַיָּיו בְּטוֹב תָּמִיד", אוּן עֶר פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג מִיט גוּטְס. "כִּי כְּשֶׁהוֹלֵךְ לוֹ כָּרָאוּי וְיֵשׁ לוֹ טוֹב, בְּוַדַּאי טוֹב לוֹ", וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, עֶס גֵייט אִים אַזוֹי ווִי עֶר ווִיל - אִיז דָאךְ גוּט, "וַאֲפִילוּ כְּשֶׁאֵינוֹ כָּךְ, דְּהַיְנוּ שֶׁאֵין מִתְנַהֵג לוֹ כְּסֵדֶר וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִים חַס וְשָׁלוֹם, גַּם כֵּן טוֹב", אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי ווִי עֶר ווִיל, עֶר הָאט שְׁוֶוערֶע טֶעג, עֶר הָאט וֵויטָאג אוּן יְסוּרִים - אִיז אִים וַוייטֶער גוּט, "כִּי הוּא בָּטוּחַ שֶׁאַף עַל פִּי כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם עָלָיו לְהַבָּא וְיֵיטִיב אַחֲרִיתוֹ", וַוייל עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים הֶעלְפְן, "כִּי מֵאַחַר שֶׁהַכֹּל מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ, בְּוַדַּאי הַכֹּל לְטוֹבָה", וַוייל אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס קוּמְט פוּן אִים - מוּז זַיין אַז אַלֶעס אִיז נָאר לְטוֹבָה, "אֲבָל עַל יְדֵי אֱמוּנָה, מַה טּוֹב וְיָפֶה הַחִיּוּת שֶׁלּוֹ", אָבֶּער מִיט אֱמוּנָה אִיז דֶער לֶעבְּן אַזוֹי שֵׁיין אוּן זִיס.

נָאכְאַמָאל, אַנְטְלוֹיפְט נִישְׁט פוּן מֶענְטְשְׁן, הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן מֶענְטְשְׁן. אַז מֶען פְרֶעגְט אַייךְ ווִיפִיל קִינְדֶער אִיר הָאט, זָאלְט אִיר זָאגְן: "אִיךְ גֵיי מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער", אוּן אַז אִיר זֶעט אַז יֶענֶער וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן פַארְן פְרֶעגְן דִי שְׁאֵלָה, זָאלְט אִיר יֶענֶעם זָאגְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "גֶעבְּט מִיר אַ בְּרָכָה" וְכוּ', הָאט נִישְׁט מוֹרָא, אַנְטְלוֹיפְט נִישְׁט.

גְלַייךְ וֶוען עֶס אִיז דָא גוּטֶע נַייעֶס, זָאלְט אִיר דָאס מֶעלְדְן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן און אַייעֶר מַאן'ס עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ יֶעדְן טָאג אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער בַּיים בֶּעט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ט שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְוואוּנְדֶערְט אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט מַקְפִּיד אוֹיף נֶעגְל וַואסֶער; דוּ קוּמְסְט דָאךְ פוּן אַזַא חָשׁוּבְ'עֶ שְׁטוּב, דוּ הָאסְט אַזֶעלְכֶע טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, וָואס זֶענֶען אַזוֹי עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג; עֶס פַּאסְט פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער און זַיין הֵיילִיג.

הָאסְט אַזַא טַייעֶרֶע טַאטֶע און מַאמֶע, אִיךְ הָאף אַז דוּ שֶׁעצְט זֵיי מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס כָּבוֹד. גֵיי אַרוֹיס פוּן דִי קַטְנוּת הַדַעַת פוּן זִיךְ שֶׁעמֶען מִיט הָאבְּן פְּשׁוּטְ'עֶ עֶלְטֶערְן, און פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאלְסְטוּ זִיךְ יֶעדְן טָאג אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער בַּיים בֶּעט, דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען אוֹיף דִיר חֵן און דוּ וֶועסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִיךְ ווִיל דִיר מַאכְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ ווִיל אָבֶער דוּ זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דוּ דַארְפְסְט בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַאר דַיין וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ד' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִיז דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב פּוּרִים, בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז

פּוּרִים גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, עֶס אִיז גֶעוֶוען 'נִכְנַס יַיִן יָצָא סוֹד', מֶען הָאט גֶעזֶען דִי פְּנִימִיּוּת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דִי דְבֵיקוּת אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין צַדִיק. אֲפִילוּ דִי שְׁטִילֶע וָואס הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְבַּאהַאלְטְן אַ גַאנְץ יָאר, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזֶען, אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן, אָבֶּער פּוּרִים הָאט מֶען גֶעזֶען דִי הֵיילִיגְקֵייט אוּן דִי פְרֵיילִיכְקֵייט.

אִיךְ וִויל דִיךְ מְעוֹרֵר זַיין אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ נִישְׁט אַהֵיים בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַאר דִי וַוייבּ פַאר צָרְכֵי חַיִּים, דוּ דַארְפְּסְט בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַאר דַיין וַוייבּ, אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט - דַארְפְּסְטוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט; נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ זָאגְן 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט', הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאסְט גֶעשְׁרִיבְּן אַ כְּתוּבָּה, "אֲנָא אֵיזַן וְאוֹקִיר וְאֶפְלַח לֵכִי" - בִּיסְטוּ מְחוּיָּב צוּ בְּרֶענְגֶען גֶעלְט.

מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן חוֹבוֹת, אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט טָאר מֶען נִישְׁט לָאזְן אַ וַוייבּ אִין שְׁטוּבּ אָן עֶסְן, אָן לֶעבְּנְס גֶעבְּרוֹיכְן. אַז דִי וַוייבּ וִויל אִיבְּרִיגֶע זַאכְן, דֶעמָאלְט קֶען מֶען אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִיר אַז חוֹבוֹת אִיז אַ סַכָּנָה, חוֹבוֹת קֶען אַלֶעס חָרוּב מַאכְן, אָבֶּער אַז דִי וַוייבּ דַארְף בְּרוֹיט אוּן מִילְךְ פַאר דִי פִּיצְלֶעךְ, אָדֶער אַז מֶען שְׁפַּארְט אָפּ דִי הֵייצוּנְג אוּן דִי וַוייבּ בְּלַייבְּט אִין אַ פַארְפְרוֹירֶענֶע דִירָה; דָאס אִיז אַכְזָרִיּוּת.

גֵיי נָאךְ גֶעלְט, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה, אַ בּוּשָׁה אִיז דֶער וָואס בְּרֶענְגְט נִישְׁט אַהֵיים פַאר דִי וַוייבּ גֶעלְט פַאר בְּרוֹיט אוּן מִילְךְ אוּן צָרְכֵי חַיִּים, דָאס אִיז אַ בּוּשָׁה, אוּן זַיי זִיךְ מְקַבֵּל אַז דִי עֶרְשְׁטֶע אַרְבֶּעט וָואס מֶען רֶעדְט דִיר - זָאלְסְטוּ אָנְנֶעמֶען, אָן קַיין חֶשְׁבּוֹנוֹת. מִיר דַארְפְן נִישְׁט מַאכְן קַיין חֶשְׁבּוֹנוֹת, מִיר דַארְפְן טוּן. עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (דְּבָרִים טו, יח): "וּבֵרַכְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכֹל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה", זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (סִפְרִי דְּבָרִים טו, קנח): "יָכוֹל יְהֵי יוֹשֵׁב וּבָטֵל, תַּלְמוּד לוֹמַר 'בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה'"; דוּ טוּ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט שִׁיקְן אַ בְּרָכָה.

גֵיי אִין פֶעלְד אוּן שְׁרַיי אוּן וַויין: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, אִיךְ וֵויס אַז עֶס קוּמְט מִיר דָאס אַלֶעס וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, אָבֶּער אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן אָן קַיין פַּרְנָסָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הָאבְּן סַבְלָנוּת צוּ דִי עֶלְטֶערְן פוּן דִי תַּלְמִידוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ״ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחְיֶ׳, טִיטְשֶׁער בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי הוֹדָעָה.

אִיךְ ווִיל אַייךְ זֵייעֶר בֶּעטְן, אַזוֹי ווִי אִיר הָאט סַבְלָנוּת צוּ אַייעֶרֶע תַּלְמִידוֹת אוּן אִיר גֶעדֶענְקְט אַז מֵיידְלֶעךְ זֶענֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְט, מֵיידְלֶעךְ ווֵייסְן נִישְׁט, אוּן מֶען דַארְף זֵיי לֶערְנֶען ווִי זִיךְ צוּ פִירְן, אוּן אֲפִילוּ נָאכְן לֶערְנֶען דַארְף מֶען נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְזָאגְן, אוּן נָאכְן אִיבֶּערְזָאגְן דַארְף מֶען פוּן פְרִישׁ אִיבֶּערְזָאגְן, אוּן לֶערְנֶען, בִּיז מֶען דֶערְהֶערְט ווָאס מֶען לֶערְנְט זֵיי.

אַזוֹי ווִיל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן - אִיר זָאלְט קוּקְן אוֹיף דִי מַאמֶעס פוּן דִי תַּלְמִידוֹת; אִיר זָאלְט ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז נִישְׁט אַלֶע מַאמֶעס ווֵייסְן ווִי אַזוֹי צוּ זַיין אַ מַאמֶע אוּן ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיין, אוּן אַז מֶען רוּפְט אַייךְ אָן מִיט טַעֲנוֹת אוּן מֶען זָאגְט דִי טַעֲנוֹת ווֶען דִי קִינְדֶער הֶערְן דָאס - זָאלְט אִיר דָאס נִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְצְן, נָאר אוֹיסְהֶערְן, אוּן מִמָּה נַפְשָׁךְ; אוֹיבּ אִיז דָאס עֶפֶּעס ווָאס מֶען דַארְף פַארֶעכְטְן - זָאלְט אִיר זָאגְן: ״יְיַשֶׁר כֹּחַ, אִיךְ ווֶעל פַארֶעכְטְן״, אוּן אוֹיבּ אִיז דָאס נִישְׁט ווָאס מֶען דַארְף פַארֶעכְטְן, זָאלְט אִיר אוֹיךְ זָאגְן: ״יְיַשֶׁר כֹּחַ״, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן הָאבְּן נָאר גוּטְס אוּן אַלֶע גְזֵירוֹת זָאלְן בָּטֵל ווֶערְן.

ווֶען מֶען בַּאקוּמְט אַ בִּזָיוֹן אִיז דָאס אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע צַייט צוּ פּוֹעֵל׳ן יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעב נִישְׁט אוֹיס גֶעלְט פַאר טֵייעֶרֶע מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִיז שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב פּוּרִים, אוֹי וְוִי מִיר וַוארְטְן שׁוֹין אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע מְגִילָה... חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה ד:): ״עֵינֵיהֶם שֶׁל עֲנִיִּים נְשׂוּאוֹת בְּמִקְרָא מְגִילָּה״, דִי אוֹיגְן פוּן דִי אָרֶעמֶעלַייט קוּקְן אוּן וַוארְטְן אוֹיף דִי צַייט וֶוען מֶען גֵייט שׁוֹין לֵיינֶען דִי מְגִילָּה, זָאגְן צַדִּיקִים אַז דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט נָאר דִי אָרֶעמֶעלַייט, דָאס מֵיינְט מֶען אוּנְז, דָאס מֵיינְט מֶען מִיךְ, וָואס אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְאָרֶעמְט פוּן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג, דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אַרָאפּ. מִיר וַוארְטְן אוֹיף דִי מְגִילָּה צוּ זֶען וְוִי אֲפִילוּ נָאךְ יֵאוּשׁ, נָאךְ אַלֶע גְזֵירוֹת, אִיז מִיט אַבִּיסְל תְּפִלָּה אוּן מִיט גֵיין מִיט אַ צַדִּיק אֱמֶת - דְרֵייט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּער אוּן עֶס וֶוערְט קְלָאר אַז ״אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלַל״, נִישְׁטָא קַיין יֵאוּשׁ, עֶס אִיז נָאךְ דָא הָאפֶענוּנְג.

אוֹיךְ גֵייעֶן מִיר דִי וָואךְ שַׁבָּת מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן מְחִיַּת עֲמָלֵק, אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק. וְוִי אַזוֹי מֶעקְט מֶען אוֹיס עֲמָלֵק? דוּרְךְ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, דוּרְךְ דֶערְצֵיילְן אַלֶעמֶען מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, דוּרְךְ רֶעדְן אַפָּאר דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דוּרְךְ גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס, עֶר הֶעלְפְט מִיר אֵייבִּיג אוּן עֶר וֶועט מִיר וַוייטֶער הֶעלְפְן. אַזוֹי וְוִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נח.) אוֹיפְן פָּסוּק (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א כט, יא): ״לְךָ ה׳ הַמַּמְלָכָה, ׳זוֹ מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק׳״; אִיז מוֹהֲרַ״שׁ מַסְבִּיר, אַז דוּרְכְדֶעם וָואס מִיר רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁמוּעֶסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט פַאר אַלֶעמֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן עֶר אִיז קֶענִיג אוֹיף דִי וֶועלְט - מִיט דֶעם אַלֵיין מֶעקְט מֶען אוֹיס עֲמָלֵק וָואס וְוִיל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה.

אִיךְ וְוִיל דִיר בֶּעטְן, גֶעב נִישְׁט אוֹיס קַיין גֶעלְט פַאר טֵייעֶרֶע מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, מַאךְ נִישְׁט נָאךְ יֶעדֶע צֶעדְרֵייטֶע אַמֶערִיקַאנֶער מִנְהָג, עֶס אִיז בַּל תַּשְׁחִית אוּן עֶס הָאט נִישְׁט קַיין זִין. עֶס שְׁטֵייט קְלָאר אִין דִי פּוֹסְקִים אַז מֶען זָאל מַרְבֶּה זַיין אִין מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים מֶער וְוִי מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת (רַמְבַּ״ם פֶּרֶק ב׳ מֵהִלְכוֹת

מְגִילָה, הֲלָכָה יז), מֶען מַאכְט פַאר דִי עֶלְטֶערְן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, פַאר דִי קִינְדֶערְ'ס מְלַמְּדִים, פַאר אַ נָאנְטֶער חַבֵר וָואס מֶען לֶערְנְט בְּחַבְרוּתָא אוּן מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵּק אִינַאֵיינֶעם.

פוּן דִי יָאר פּוּרִים וֶועל אִיךְ מֶער נִישְׁט זִיצְן בַּייטָאג מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, הֱיוֹת דִי קְהִילָה וֶוערְט גְרֶעסֶער דַארְף מֶען עֶס אֶוֶועק שְׁטֶעלְן רִיכְטִיג. מֶען וֶועט קוּמֶען גֶעבְּן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, אָבֶער נִישְׁט בְּלַייבְּן וְכוּ'. אִיךְ הָאף אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶועלְן פַארְשְׁטֵיין אוּן מִיטְאַרְבֶּעטְן אוּן טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג, וַוייל מֶען דַארְף אַוֶועק שְׁטֶעלְן דִי מוֹסְדוֹת אוּן דִי קְהִילָה רִיכְטִיג.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת וֶועט זַיין אַ סְעוּדָה אִין יְשִׁיבָה, מֶען וֶועט זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן, אוּן אוֹיךְ זוּנְטָאג נָאכְמִיטָאג וֶועט זַיין אַ שׁוּשָׁן פּוּרִים סְעוּדָה אוּן אַ פָארְשְׁטֶעלוּנְג פַאר דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בַּאשְׁטִימֶען יֶעדְן טָאג צְוֵויי מִינוּט צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דַיין וַוייבּ וְכוּ'; זָאלְסְט בַּאשְׁטִימֶען יֶעדְן טָאג צְוֵויי מִינוּט, נָאר אוֹיף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה, דָאס עֶפְנְט אוֹיף אַלֶע טוֹיעֶרְן פַאר יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת.

סֵיי דוּ אוּן סֵיי דַיין וַוייבּ זָאלְן יֶעדְן טָאג הָאבְּן אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אַלֶעס אַרִיבֶּערְגֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי וָואלְטְן מִיר אוֹיסְגֶעזֶען אָנֶעם רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, כ"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דִיךְ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעזֶען, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר, וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן.

ווי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַ רֶבִּי אַ רַחְמָן, מִיט אַזוֹיפִיל רַחְמָנוּת און לִיבְּשַׁאפְט, עֶר וֶועקְט אוּנְז אוֹיף פוּן אוּנְזֶער שְׁלָאף און גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף אוּנְז צוּ מְחַזֵּק זַיין נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל.

"ווי וָואלְטְן מִיר גֶעוֶוען, ווי וָואלְטְן מִיר אוֹיסְגֶעזֶען אָנֶעם רֶבִּי'ן, אָן דִי זִיסֶע עֵצוֹת וָואס אִיז אוּנְז אַזוֹי מְחַיֶּה וּמְחַזֵּק, און אָן זַיינֶע תַּלְמִידִים..." מִיר דַארְפְן דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן, און אַז מִיר קְרִיגְן נִישְׁט אוֹיף אִים.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ גֵייסְט אָן מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם טְרָאץ אַלֶע דַיינֶע מְנִיעוֹת, בָּרוּךְ הַשֵּׁם בַּיי מִיר אִיז דָא אַסַאךְ מְנִיעוֹת און חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, אָבֶּער בִּזְכוּת דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, בִּזְכוּת דִי גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים, מוֹהֲרְנַ"ת, מוֹהֲרָא"ש - שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ.

...

## אָפְּגֶעטֵיילְט דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, כ"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר פַאר דִי גוּטֶע נַייעֶס וָואס דוּ הָאסְט מִיר נֶעכְטְן דֶערְצֵיילְט, אַז דוּ בְּרֶענְגְסְט מֶער נִישְׁט אַהֵיים דַיין טֶעלֶעפָאן, הָאסְט אָפְּגֶעטֵיילְט דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי שְׁטוּבּ, זְמַן אָפִיס לְחוּד און זְמַן חִינוּךְ הַבָּנִים לְחוּד; דִי טֶעלֶעפָאן אִיז נָאר פַאר דִי שָׁעוֹת וָואס דוּ בִּיסְט אִין אָפִיס און אוֹיךְ אַז דוּ הָאסְט גֶעלֵייגְט אַ שְׁטַארְקֶע פִילְטֶער אִין אָפִיס אוֹיף דִי כֵּלִים.

דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה וָואס מֶען קֶען מִיר גֶעבְּן, דָאס אִיז מֶער חָשׁוּב ווִי אַ זִילְבֶּערְנֶע כֵּלִי, יְקָרָה הִיא מִפְּנִינִים.

גֵיי יֶעדְן טָאג אַ שְׁפַּאצִיר, שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְק אִים אוּן לוֹיבּ אִים פַאר אַלֶע חֲסָדִים אוּן אוֹיךְ בֶּעט פַאר אַלֶעס.

...

## זִיךְ אַיינְקוֹיפְן אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ״ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

נִיץ אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה, יֶעצְט אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן פוּן לֶעבְּן, יֶעצְט אִיז אַ שָׁאד צוּ גֵיין לֵיידִיג, מֶען קֶען זִיךְ אַזוֹי אַיינְקוֹיפְן אִין דִי יָארְן גוּטֶע זַאכְן.

זָאג מִשְׁנָיוֹת בְּקוֹל, הַלְוַאי זָאלְסְטוּ זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוֹיךְ דֶעם יוֹם תְּהִלִים אוּן אַסַאךְ גְמָרָא; דָאס וֶועט דִיךְ מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

אִיךְ גֶעדֶענְק דַיין טַאטֶע נֵרוֹ יָאִיר אַלְס בָּחוּר אוּן אַלְס חָתָן, עֶר אִיז גֶעזִיצְן בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הַתְמָדָה, אוּן עַד הַיוֹם הַזֶה, וֶוען עֶר הָאט אִיבְּרִיגֶע מִינוּטְן, נֶעמְט עֶר אַרוֹיס פוּן טַאשׁ אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנָיוֹת אוּן לֶערְנְט, אוּן נָאר דָאס אִיז זַיין הַצְלָחָה.

מַאךְ אִים נָאךְ וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין, דוּ וֶועסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד.

...

## אַ שָׁאד אָפְּצוּלָאזְן אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ״ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טְרַאכְטְן, צִי דוּ הָאסְט גֶעפוּנֶען אַ בֶּעסֶערֶע חַבוּרָה וָואס בְּרֶענְגְט דִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶערְפַאר זֶע אִיךְ דִיךְ מֶער נִישְׁט, אָדֶער הָאסְטוּ זִיךְ בִּכְלַל אָפְּגֶעקִילְט פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, אָדֶער אִיז דָאס צוּלִיבּ בִּלְבּוּלִים, חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וְכוּ׳.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַ בָּחוּר, דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פְּלַאץ אִין דִי וֶועלְט, עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר וָואס אִיז אַרִיבֶּער וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן דוּ הָאסְט גֶעפוּנֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, בִּיסְט גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, מֶען הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט בְּהַתְמָדָה רַבָּה שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אִין מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא וְכוּ׳; אַ שָׁאד דוּ זָאלְסְט דָאס אַלֶעס אָפְּלָאזְן, אַ שָׁאד אָפְּלָאזְן אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ וָואס דֶערְמַאנְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שְׁטַארְקְט צוּ טוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה.

הוֹיבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי, בַּאנֵיי זִיךְ מִיט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, נֶעם אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ גְמָרָא; זָאג דִי וֶוערְטֶער, דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער - מִיט אַ חַיוּת אוּן שִׂמְחָה, אוֹיךְ גֵיי דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת אִין שׁוּל מִיט מִנְיָן, אוּן קוּם זִיךְ דְרֵייעֶן צְווִישְׁן אֶמֶתְ׳עֶ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וָואס לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּי׳ן אוּן לֶעבְּן מִיט דְבֵיקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דִיר גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

...

## אַ גֶעפִיל צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן אוֹיךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ״ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט וֶוען דוּ גְרֵייטְסְט זִיךְ צוּ דַיין חֲתוּנָה זָאלְסְטוּ זֶען אַז נָאךְ דִי חֲתוּנָה

זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן מִיט דִי גֶעפִיל פוּן הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת, זָאלְסְט בְּלַייבְּן מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן; אַלְס בָּחוּר, אוּן אוֹיךְ יֶעצְט אַלְס חָתָן - בִּיסְטוּ אַזַא גֶעטְרֶייעֶר מְשַׁמֵּשׁ, אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף אִין יְשִׁיבָה, חֵדֶר, בֵּית פֵּיגָא, אַלֶעס; אִין אַלֶעס הָאסְטוּ אַ חֵלֶק, זָאלְסְטוּ זֶען עֶס זָאל אַזוֹי בְּלַייבְּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה, זָאלְסְט דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן בְּלַייבְּן מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק חֵלֶק ב', סִימָן יד): "עַל יְדֵי שִׁמּוּשׁ הַצַּדִּיק", דוּרְךְ בַּאדִינֶען אוּן הֶעלְפְן דֶעם צַדִּיק - "בָּא חֵרוּת", וֶוערְט מֶען בַּאפְרֵייט, "וְנִתְבַּטֵּל הַקְּלָלוֹת", אוּן דִי קְלָלוֹת וֶוערְן בָּטֵל.

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם חֵלֶק א', סִימָן קצב): "עַל יְדֵי יְשִׁיבָה אֵצֶל שֻׁלְחָן הַצַּדִּיק", אַז מֶען זִיצְט בַּיים צַדִּיקְ'ס טִישׁ, "נִתְבַּטֵּל הַמִּלְחָמָה", וֶוערְט בָּטֵל דִי מִלְחָמָה; דוּרְכְ'ן זִיצְן בַּיים צַדִּיק, הֶעלְפְן דֶעם צַדִּיק - קֶען מֶען בֵּייקוּמֶען אַלֶע מִלְחָמוֹת, מֶען וֶוערְט רוּאִיג.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

...

## דֶער עִיקָר מְחִיַּת עֲמָלֵק אִיז דוּרְךְ שִׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ו' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ שַׁבָּת דַארְף מֶען קוּמֶען אִין שׁוּל הֶערְן דִי קְרִיאָה וִוי מֶען מֶעקְט אוֹיס עֲמָלֵק. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט בְּשֵׁם דֶעם צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "דֶער עִיקָר מְחִיַּת עֲמָלֵק אִיז דוּרְךְ שִׂמְחָה", 'שִׂמְחָה' אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת פוּן "'שֶׁמָּחֹה' תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק", מִיט שִׂמְחָה מֶעקְט מֶען אוֹיס דִי טֻמְאַת עֲמָלֵק.

דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם, עֲמָלֵק - ווִילְן נָאר אֵיין זַאךְ, מֶען זָאל אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף דָאס וֶועלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אוֹיף דָאס בֶּענְקֶען צוּ זַיין גוּט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכ) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים לא, כה): "חִזְקוּ וְיַאֲמֵץ לְבַבְכֶם כָּל הַמְיַחֲלִים לַה'", דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט, שְׁטַארְקְט אַייךְ אַלֶע וָואס 'הָאפְן' צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֲפִלּוּ אִם אֵינְכֶם זוֹכִים לְשׁוּם קְדֻשָּׁה וַעֲבוֹדָה חַס וְשָׁלוֹם", אֲפִילוּ דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט זוֹכֶה צוּ קַיין שׁוּם קְדוּשָׁה אוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "רַק מְיַחֲלִים לְבַד", אֵיין זַאךְ הָאבְּן זֵיי, דָאס וִוילְן אוּן בֶּענְקֶען, "אַף עַל פִּי כֵן חִזְקוּ וְאִמְצוּ", מִיט דֶעם זָאלְן עֶנְק זִיךְ שְׁטַארְקְן; דָאס קֶען עֲמָלֵק נִישְׁט סוֹבֵל זַיין, דָאס אִיז זַיין זַאךְ, וִוי מֶען קֶען אַרָאפְּוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַ יֵאוּשׁ, עֶר זָאל שׁוֹין נִישְׁט שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן "אִיךְ וִויל זַיין גוּט", עֶר זָאל אָפְּלָאזְן זַיינֶע רְצוֹנוֹת, זַיין בֶּענְקֶענִישׁ.

דִי יָאר גֶעפַאלְט אוֹיס פּוּרִים אוּם פְרַייטָאג, קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ פְרַייטָאג אִיז פּוּרִים. אַלֶעס גֵייט אָן וִוי אַ גֶעוֶועגְלִיכֶע יָאר, מֶען דַארְף נָאר אַכְטוּנְג גֶעבְן פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאג נִישְׁט טְרִינְקֶען צוּפִיל, מֶען זָאל קֶענֶען מְקַבֵּל שַׁבָּת זַיין אִין צַייט אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט עוֹבֵר זַיין אוֹיף חִלּוּל שַׁבָּת.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת וֶועט זַיין אַ סְעוּדָה אִין יְשִׁיבָה, מֶען וֶועט טַאנְצְן אִינְאֵיינֶעם אַז מִיר הָאבְּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה, מִיר וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶערְגֶעבְּן פַאר הָמָן עֲמָלֵק, מִיר וֶועלְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן. אוּן אוֹיךְ זוּנְטָאג מִיטָאג וֶועט זַיין אַ שׁוּשַׁן פּוּרִים סְעוּדָה אוּן אַ פָארְשְׁטֶעלוּנְג פַאר דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וֶוען אִיךְ הָאבּ אַ בִּזָּיוֹן, בִּין אִיךְ מַזְכִּיר עֶנְקֶערֶע נֶעמֶען**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרַט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט אִיז גֶעוָוארְן אַ יָאר פוּן עֶנְקֶער חֲתוּנָה, אִיךְ וִויל עֶנְק וואוּנְטְשְׁן עֶנְק זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא, לִיכְטִיגֶע עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

אִיךְ בֶּעט פַאר עֶנְק, אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אַ בִּזָּיוֹן - בִּין אִיךְ מַזְכִּיר עֶנְקֶערֶע נֶעמֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶנְק זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא. יֶעדְן טָאג גֵיי אִיךְ אַרִיבֶּער בִּזְיוֹנוֹת, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט מַיינֶע בִּזְיוֹנוֹת, אַמָאל אַמָאל הַאלְטְן מֶענְטְשְׁן מִיט; אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר עֶנְק.

דו זַיי שְׁטַארְק מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, זֶע דַיינֶע כֵּלִים, דַיין טֶעלֶעפָאן און וָואס נָאךְ דו הָאסְט פַאר דִי פַּרְנָסָה - אַלֶעס זָאלְן זַיין רֵיין און זוּיבֶּער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער, וֶועט אַוֶועקְנֶעמֶען דִי קְרִיגֶערֵייעֶן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ״ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ וִויל אַייךְ מְחַזֵּק זַיין אִיר זָאלְט אָפְּגִיסְן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי נֶעגְל וַואסֶער, דָאס וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען אַלֶע קְלִיפּוֹת און רוּחוֹת רָעוֹת פוּן אַייךְ, דִי שְׁטוּב וֶועט זַיין נָאר מִיט גוּטֶע מַלְאָכִים.

עֶס אִיז מִיר זִיכֶער אַז דִי קְרִיגֶערֵייעֶן אִין שְׁטוּב וֶועט זִיךְ אוּיפְהֶערְן אוּיב אִיר און אַייעֶר מַאן וֶועלְן אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער; נֶעגְל וַואסֶער טְרָאגְט אַרוּיס אַלֶע שֵׁדִים פוּן שְׁטוּב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִויפִיל טְרִינְקְט מֶען אוּם פּוּרִים?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, זָכוֹר, ז׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא תֵּצֵא, ד): ״אָמְרוּ יִשְׂרָאֵל״, אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אֵין אָנוּ יְכוֹלִין בּוֹ״, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער דו זָאגְסְט אוּנְז מִיר זָאלְן אוּיסְמֶעקְן עֲמָלֵק, מִיר קֶענֶען נִישְׁט, ״אוֹמֵר לָהֶם הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, תִּהְיוּ אַתֶּם מַזְכִּירִין שְׁמוֹ מִלְּמַטָּה, וַאֲנִי מוֹחֵק שְׁמוֹ מִלְמַעְלָה״, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶנְק זָאלְן לֵיינֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי מִצְוָה פוּן אוּיסְמֶעקְן עֲמָלֵק און אִיךְ וֶועל שׁוֹין טוּן דָאס אִיבְּרִיגֶע, אִיךְ וֶועל אִים אוּיסְמֶעקְן.

דָאס אִיז מוֹרָא׳דִיגֶע חִיזוּק פַאר אוּנְז, וֶוען מִיר זֶעעֶן ווִי שְׁטַארְק דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען, מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען קֶען נִישְׁט בַּאזִיגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע אוּן מֶען שְׁרַייט: "אֵין אָנוּ יְכוֹלִין בּוֹ", בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ קֶען נִישְׁט בַּאזִיגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, דֶעם עֲמָלֵק; דַארְף מֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "תִּהְיוּ אַתֶּם מַזְכִּירִין שְׁמוֹ מִלְמַטָּה", דוּ בֶּעט אוּן בֶּעט, דוּ שְׁרֵיי אוּן שְׁרֵיי, "וַאֲנִי מוֹחֵק שְׁמוֹ מִלְמַעְלָה", אוּן אִיךְ וֶועל דִיר הֶעלְפְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל נָאר מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּ אִים, מִיר זָאלְן אִים בֶּעטְן.

נֶעם אַרַיין דִי אֱמוּנָה אִין דִיר, מִיט דֶעם וֶועסְטוּ אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק, דוּרְךְ אֱמוּנָה וֶוערְן בָּטֵל אַלֶע סְפֵיקוֹת, קַשְׁיוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים. אַז מֶען וֵוייסְט אוּן מֶען חַזֶר׳ט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶע הַשְׁגָּחָה, קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, "אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָּה, אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה", אַ מֶענְטְשׁ צֶעקְלֶעמְט זִיךְ נִישְׁט זַיין פִינְגֶער אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אוֹיסְרוּפְן אִין הִימְל פוּן פָארְאוֹיס אַז פְּלוֹנִי זָאל זִיךְ צֶעקְלַאפְּן זַיין פִינְגֶער (חוּלִין ז.); דָאס אִיז מְחִיַּית עֲמָלֵק.

דוּ וֵוייסְט אַוַדַאי אוּן דוּ גֶעדֶענְקְסְט וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז אַלֶע יָארְן פּוּרִים גֶעלֶערְנְט וָואס אִיז רִיכְטִיג, וויִפִיל צוּ טְרִינְקֶען, מֶען זָאל נִישְׁט לִיגְן אִין גַאס טוֹיט שִׁיכּוֹר; נִישְׁט דָאס אִיז דִי מִצְוָה, דִי מִצְוָה אִיז צוּ טְרִינְקֶען אַבִּיסְל אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (אֶסְתֵּר ז, ד): **"כִּי נִמְכַּרְנוּ אֲנִי וְעַמִּי לְהַשְׁמִיד לַהֲרוֹג וּלְאַבֵּד", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין פַארְקוֹיפְט פַאר** מַיינֶע תַּאֲווֹת, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ; מֶען טְרִינְקְט אַפָּאר כּוֹסוֹת אוּן מֶען טַאנְצְט בִּיז דִי קָאפּ דְרֵייט זִיךְ, אוּן מֶען וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (שָׁם ח, ו): **"אֵיכָכָה אוּכַל וְרָאִיתִי בְּאָבְדַן מוֹלַדְתִּי", אִיךְ בִּין אַ פַארְלוֹירֶענֶער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם רַאטֶעוֶוע מִיךְ.**

בִּפְרַט דִי יָאר וֶוען פּוּרִים גֶעפַאלְט עֶרֶב שַׁבָּת דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ חִילּוּל שַׁבָּת, מֶען דַארְף אַלֶעס אָנְגְרֵייטְן פְרִי אַז בַּיים זְמַן שַׁבָּת זָאל מֶען קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דֶעם שַׁבָּת.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.